STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03585

SIBIRER DERTSEYLUNGEN

V. Korolenko

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03585-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657035853T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ו. קאראלענקא.

Korolenko

סיבירער דערציילונגען

Stories of Siberia

יודיש: מ. גאלדשטיין.

באנד II

34

1920

תר"פ

אט־דאוואן.

I.

—נו, אָט האָסטו דיר אַ וועג אַ בימעל!—האָט מיכאַילאָ אי-
חאַבאָוויטש קאָפּילענקאָוו, מיין וועג-חבר, אַ זאָג געטאָן.—אַ פער-
שאָלטענער וועג, קיין ערגערער קאָן שוין נישט זיין... וואָס,
נישט אַזוי?

צום בעדויערן, איז מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש גערעכט גע-
ווען. מיר זענען געפאָהרען אַראָב מיט דער לענע. ריזיגע שטי-
קער אייז—לויט'ן אָרטיגען לשון „טאָראָסיעס"—האָבען געשטעקט
אין פערשידענע ריכטונגען איבער דער גאַנצער ברייט פונ'ם
טייך. די בייזע האַסטיגע לענע האָט זיי הערבסט-צייט אַרויפ-
געשליידערט איינע אויף די אַנדערע, אינ'ם קאַמף מיט דעם
שרעקליכען סיבירישען פראָסט. אָבער דער פראָסט האָט סוף-
כל-סוף מנצח-געווען. דער טייך איז איינגעפראָהרען געוואָרען
און בלויז די גיגאַנטען-„טאָראָסיעס," אָט דער גאַנצער כאַאָס
פון ריזיגע אייז-קריעס, אָנגעוואָרפען איינע אויף די אַנדערע
אין אַנ'אונאָרדנונג, פערשטיקט פון אונטען, אָדער אויף אַנ'אונ-
פערשטענדליכען אופן אַרויפגעשליידערט פון אויבען, איז פער-

Free Public Library, Newark, N. J.

בליבען, ווי אַ שטומער עדות פונ'ם ריזיגען קאַמף. אָבער וואו־נישט־וואו האָבען זיך נאָך אַרויסגעזעהן לאַנגע אייז־טירעלעך, וואָס ווערען קיינמאָל נישט איינגעפראָהרען און דורך זיי האָבען זיך דורכגעריסען און געקאָכט די שנעלע טייך־שטראָמען. קאַלטע דאַמף־קנוילען האָבען זיך שווער געהויבען און געוויגט איבער זיי, פונקט ווי אין דידאָזיגע אייז־טירעלען וואָלט באמת געווען קאָכיג וואַסער.

איבער דעמדאָזיגען קאַפריזען אייז־כאַאָס האָבען זיך פון ביידע זייטען געהויבען די שווייגענדיגע ריזיגע לענע־בערג, מאָגערע צמחים האָבען זיך געצויגען איבער דער משופּעדיגקייט פון די בערג, אויסשפּרייטענדיג ברייט די וואָרצלען, אָבער די שטיינער האָבען נישט געלאָזט זיי וואַקסען, און דעריבער זענען די בערג געדיכט בעזייהט געווען מיט טויטע צמחים. אין דערנאָהנט זעהט איהר טויטע בוימער, פערשאָטענע מיט שניי און אַרויסגעריסענע פון באָדען מיט קאָנוואולסיוו־צוזאַמענגעקאָרטשעטע וואָרצלען. ווייטער פערשווינדען שוין דידאָזיגע פרטים און נעהנטער צום שפּיץ איז דער באַרג געדיכט בעדעקט מיט אַלטען, געפאַלענעם געהילץ. די געפאַלענע בוימער זעהען־אויס, ווי אונצעהליגע נאָדעל־בלעטער אין אַ סאָסנע־וואַלד, און צווישען זיי שטעהען נאָך לעבעדיגע לערכענבוימער, גלייכע, מאָגערע, און נעבעכדיגע און פּרובען דאָס גליק איבער די בר־מינג'ס פון זייערע עלטערן. אָבער אויפ'ן גלייכען שפּיץ פון באַרג, וואָס איז אַזוי ווי אָבגעשניטען, ווערט דער וואַלד מיט אַמאָל געדיכטער און ציהט זיך, ווי אַ לאַנגע טונקעלע טרויער־לענטע איבער דער ווייטער משופּעדיגקייט פון ברעג.

און אַזוי אויף גאַנצע צעהנדליגער הונדערטער וויאָרסטען!.. שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי אונזער וואָגען טוקט זיך, ווי אַנ'עלענד פּינטעלע צווישען די טאָראָסיעס און וואַקעלט זיך, ווי אַ שיפעל אויפ'ן שטורמישען ים... שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי איך קוק אויפ'ן בלאַסען פּאַס הימעל צווישען די הויכע ברעגען, אויף די ווייסע משופּעדיגקייטען מיט דער טרויער־לענטע, אויף די בערג־היילען, וואָס שווימען־אַרויס געהיים פון די

טונגוזישע מדבריות צום פרייען שטח פונ׳ם גרויסען טייך, אויף די קאַלטע נעבלען, וואָס קנוילען זיך אָהן אַ סוף, גיסען זיך צוזאַמען, וויקלען זיך פונאַנדער, דרענגען זיך אין די איינגע בייגונגען צווישען שטיינער און ציהען זיך שטיל אַריין אין די מיילער פון די היילען, ווי עפּיס אַ געשפּענסטער-אַרמעע, וואָס שלייכט צו איהרע ווינטער-קוואַרטירען. די שטילקייט פּייניגט די נשמה. בלויז צייטענווייז זיפצט שווער אָב דער פּלאַצענדיגער אייז אויפ׳ן טייך, באַלד דערויף הויבט ער אָן זידען, ווי אַ דורכפליהענדיגער גראַנאַט און קלינגט-אָב מיט אַ ווידערקול, פונקט ווי אַ האַרמאַטען-שאָס, וואָס טראָגט זיך אַדורך ערגעץ אַהינטער אונז, דאָרט, וואו מיר האָבען איבערגעלאָזט די וויסטע שטראָם-בויגונגען פון דער לענע און פילט נאָך לאַנגאָן די לופט מיט ווידער-קולות און שטאַרבט-אָב, שרעקענדיג דעם דמיון מיט משונה׳דיגע, פלוצלונג אויפגעלעבטע ווייטע זיפצען...

מיר איז אומעטיג געווען. מיין וועג-חבר האָט זיך געפייניגט און אויפגערעגט. אונזער וועגעל האָט זיך וויילענווייז אומגעוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער און טיילמאָל האָט ער זיך אינגאַנצען איבערגעקעהרט. דערביי איז עפּיס שטענדיג געשעהן אַזוי, אַז מיר זענען נאָר אין זיין, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטשעס, זייט אומגעפאַלען, צו זיין גרויסען פּערדרוס. דאָס איז אַפילו געווען גאַנץ נאַטירליך, דאָך האָט עס איהם פערשאַפט אַ סך עגמת-נפש. ווען דאָס וואָלט אָבער געשעהן פערקעהרט, וואָלט איך מיך געפונען אין אַנ׳ערנסטער סכנה, בפרט-נאָך, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. ער פלעגט נאָר אַ ברום טאָן און אַ זאָג געבען צום פוהרמאַן:

—הויב-אויף!

האָט דער פוהרמאַן, ווי דאָס איז נישט שווער געווען, אויפגעהויבען און מיר זענען ווייטער געפאָהרען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין אַוועק אַ חודש צייט זינט מיר האָבען פערלאָזט די שטאָדט יאַקוטסק, פון וועלכער מיר זענען ערשט אַרויסגעפאָהרען מיט זעקס טעג צוריק און אַז אַ גאַנץ לעבען וועט נאָך אַוועק, ביז מיר וועלען דער-

גרייכֿען דאָס ציל פון אונזער נסיעה.

געפאָהרען זענען מיר לאַנגזאַם: פון אָנהויב האָבען אונז אָבגעהאַלטען די ווילדע פרעסט און זאַוועררוכֿעס, איצט האַלטאָב מיכֿאַילאָ איוואַנאָווישט. די טעג זענען קורץ, אָבער די נעכֿט זענען קלאָר, אַ פולע לבנה רייסט זיך אַדורך דעם פראָסט-נעבעל און די פערד קאָנען זיך נישט אַראָבשלאָגען פונ׳ם אויסגעפאָהרענעם שמאָלען שליאַך. פאָהרען מיר אָבער אַדורך אַ צוויי, דריי סטאַנציעלעך, הויבט זיך אָן מיין וועג-חבר, אַ געוועהנליכער סוחר׳ל, ווי געהעריג פונאַנדערצוגאַרטלען, וואַרפט-אַראָב פון זיך אָהן שום צערעמאָניעס די איבעריגע און נישט איבעריגע בגדים.

—וואָס טוט איהר, מיכֿאַילאָ איוואַנאָוויטש?—פרוב איך מיך פראָטעסטירען אין אַזוינע פאַלען.—מיר קאָנען דאָך אַדורכפאָהרען נאָך אַ סטאַנציעלע...

—צו וואָס זאָלען מיר זיך איילען?..—ענטפערט מיכֿאַילאָ איוואַנאָוויטש.—מען בעדאַרף די געדערם אַדורכֿשווענקען מיט טיי און כֿאַפען אַ דרעמעל.

עסען, „אַדורכֿשווענקען" זיך מיט טיי און כֿאַפען אַ דרעמעל האָט מיכֿאַילאָ איוואַנאָוויטש באמת געקאָנט אין אַ געוואַלטיגער מאָס, און דאָס אַלץ האָט ער געטאָן זעהר אָבגעהיט, מיט ליבע, כמעט מיט יראה.

אָבער אויסערדעם, האָט ער אויך געהאַט זיינע חשבונות.

—די היגע מענשען,—פלעגט ער זאָגען מיט אַ טאָן פון אַ סוד,—זענען, ברודערל, זעהר להוט נאָך אַ גראָשען. גזלנים-מענשען, דאָס גאָלד האָט זיי צובאַלעוועט.

—נו, דאָס גאָלד איז דאָך ווייט, און אין די ערטער הערט מען גאָרנישט אַזוינס.

—אָבער אַז מען וועט אונז בעראַבעווען, וועסטו שוין יאָ דערהערען, אָבער עס וועט שוין זיין שפעט... אַ מאָדנער מענש!—האָט ער צוגעגעבען און איז באַלד אַריינגעפאַלען אין גרימצאָרן.—דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ לאַנד! דאָס איז דיר נישט רוסלאַנד! אַ באַרג און אַ טאָל און אַ ביין און אַ

שטיין... דאָס ערגסטע אָרט אין דער וועלט...

בכּלל האָט דאָסדאָזיגע לאַגד זעהר נישט נושא-חן געווען ביי מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש'ן. עקעל און פעראַכטונג האָט ער צו איהם געשפּירט. אָנגעהויבען פון דער טריבער נאַטור און געענדיגט מיט די סאַמע שטומע ברואים—אַלץ, אַלץ האָט ער געהאַלטען אין איין קריטיקירען און בעריידען. ער האָט געוואוסט נאָר איין זאַך—אויב עס זאָל דאָ מצליח-זיין, קאָן מען ווערען אַנ'עושר („אין איין טאָג קאָן מען ווערען אַ מענש"), און טאַקי דעריבער האָט ער שוין דאָ געוואוינט עטליכע יאָהר און מיט ביידע אויגען אויסגעקוקט די געלעגענהייט און פער'עקשנ'ט געגאַנגען צו איין בעשטימטען ציל און נאָכדעם, דערגרייכענדיג דעם ציל, זיך אומקעהרען צוריק אין „זיין קאַנט," ערגעץ אַרום טאָמסק.

אין דער הינזיכט איז ער געווען עהנליך צו אַ מענשען, וועלכען מען האָט פאָרגעלעגט פאַר אַ געוויסער בעלוינונג, ער זאָל זיך דורכלויפען אַ ,נאַקעטער אין אַ גרויסען פראָסט. מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, און אָט לויפט ער צו זיין בעשטימטען ציל, זיך אָבבלאָזענדיג און טוליענדיג. ער בעדאַרף נאָר דערלויפען, קומען צום ריכטיגען פונקט, און ווייטער... מעג געהן אַ כּפּרה דאָס גאַנצע לאַנד—דאָס איז שוין נישט זיין דאַגה.

ביי דעם איצטיגען מאָמענט האָט ער זיך, דאַכט זיך, שטאַרק דערנעהנט צו זיין ציל, און אפשר דערפאַר איז ער עס טאַקי געווען אַזוי אויפגערעגט: וואָס, אַ שטייגע'ר, ווען עמיץ זאָל איהם מיט אַמאָל אַרויסרייסען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט ?.. מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש, וועגען וועלכען איך האָב מיך אָנגעהערט אַ סך מעשיות. וואָס פון זיי איז צו זעהן, אַז ער איז געווען אַ גרויסער דרעה-קאָפּ און זעהר מוטיג אין די ערשטע צייטען פון זיין סוהרישער קאַריערע, האָט איצט געציטערט, ווי אַ בלאַט, און צוליב דעם האָב איך פערבראַכט מיט איהם אין גרויס לאַנגווייליגקייט די אָחוצעדען און לאַנגע נעכט אויף די פוסטע סטאַנציעס פון דער טריבער און טויטער לענע.

II.

אין איינעם פון דידאָזיגע פראָסטיגע אָוועגדען האָט מיך אויפגעוועקט אַ דערשראָקענער אויסגעשריי מצד מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש'ן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מירביידע זענען איינגעשלאָפען אין וואָגען און אַז מיר האָבען זיך אויפגעכאַפּט, האָבען מיר דערזעהן, אַז מיר געפינען זיך אויפ'ן אייז, אונטער אַ שטיינערנעם ברעג, אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל, וואו מען האָט גאָר קיין מענשען נישט געזעהן.

אינגיכען האָבען מיר זיך געכאַפּט, וואו מיר זענען אין דער וועלט. איך האָב מיך צוגעקוקט צו דעם גלייכען שטיינערנעם ברעג, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגען אין דער ווייטקייט אַריין, ווי אַ וואַנד, בעזייהט מיט די שטראַהלען פון דער לבנה. נישט ווייט איז אַ שטעגעלע פערשוואונדען געוואָר'ען צווישען די פעלזען-שפּאַלטען, און גלייך איבער'ן קאָפּ איז געשטאַנען אַ הויכער צלם פון אַ יאַקוטישען קבר. הגם אַ קבר אויפ'ן ברעג—מעג ער זיין אַפילו אַ טויטער ברעג—איז נישט קיין זעלטענהייט אין דעמדאָזיגען לאַנד, וואו דער יאַקוט וויל

דורכאויס קומען צו קבורה אויף אַ בערגעל, ביים וואַסער, וואו עס איז פאַרהאַן אַ סך פרייער שטח—דאָך האָב איך דערקאָנט די סטאַנציע אַט-דאַוואַן, וועלכע איך האָב נאָך בעמערקט פריהער, בשעת איך בין דאָ צום ערשטען מאָל פערבייגעפאָהרען, דער רויטער קיזעלשטיין מיט די אויסטערלישע פאַכען, עהנליך צו עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטען שריפט, די גלייכע וואַנד פון ברעג, וואָס איז אַזוי ווי קינסטליך אויפגעשטעלט, די מאָגערע לערכענבוימער, דער יאַקוטישער קבר מיט׳ן צלם און הייזעל און, צולעצט, דאָס לאַנגע ליילעך פון ווייסען רויך, וואָס הענגט פון ברעג איבער׳ן טייך—דאָס אַלץ איז מיר תיכף געקומען אויפ׳ן זכרון. דאָ איז נישטאָ קיין וועג, דער ברעג שטעהט, ווי אַ וואַנד. דעריבער לאָזט מען ווינטער די שליטענס שטעהן אויפ׳ן טייך, און די פערד פיהרט מען דורך אַ שמאָל שטעגעלע אויפ׳ן אייז. מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש האָט זיך אויך באַלד בערוהיגט, בפרט-נאָך, אַז אויפ׳ן שטעגעלע האָבען שוין געבלינצעלט לאַמטערנעלעך.

אין אַ מינוט אַרום זענען מיר געווען אין דער הויך, ביי דער סטאַנציע.

דאָס קליינע סטאַנציע-חדר׳ל איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט. פון דעם אָנגעברענטען אייזערנעם אויווען האָט געשלאָגען מיט אַ טרוקענער היץ. אַ צוויי חלב׳ענע ליכטלעך, צושמאָלצען פון וואַרימקייט, האָבען בעלויכטען די צרה׳דיגע אויסשטאַטונג פון אַ האַלב-יאַקוטישען בנין, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ סטאַנציע. גענעראַלען און שענהייטען-פּרויען זענען געהאַנגען אויף די וואַנד צוזאַמען מיט מעלדונגען פון דער פּאָסט-פערוואַלטונג און פאַטענטען אין שוואַרצע ראַהמען, געדיכט בעזעצט מיט סימנים פון פליגען. לויט׳ן אויסזעהן פון דער סטאַנציע איז געווען קענטיג, אַז עמיץ ווערט דאָ אָבגעוואַרט, אָבער מיר האָבען קיין שום גרונד נישט געהאַט צו צושרייבען זיך דידאָזיגע אויפנאַהם-הכנות.

—זעהסטו, ברודערל, עס איז אויסגעצייכענט!—האָט מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש גערעדט זעהר אַ צופרידענער און זיך

גענומען צו די פעקלעך מיט עסענוואַרג.—אַ מחיה׳דיגע וואַרים-
קייט! דאָ, זעהסטו, וועלען מיר שוין אויך איבערנעכטיגען! עי,
ווער איז/דאָרט... דער שרייבער, צי וואָס? אַ סאַמאָוואַרל זאָל
מיר געשטעלט ווערען, טייערע...

—ניין, ניין, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש,—האָב איך מיך גע-
פרובט אָבוועהנדען,—עס איז נאָך צו-פריה. מיר קאָנען אַדורכ-
פאָהרען נאָך אַ סטאַנציע, און דאָרט וועלען מיר איבערנעכטי-
גען.

—רבותי, קיין פערד זענען נישטאָ,—האָבען מיר הינטער
זיך דערהערט עפּיס אַ קוויטשיגען, זיסליכען און ציטריגען קול.

איך האָב מיך אומגעקוקט. אין צימער איז אַריין אַ קליין
קיילעכיג מענשעל פון אַנ׳אונבעשטימטען עלטער, מיט אַ גאַנץ
אָריגענעלער קליידונג. אַ קורצעקיג סורדוטל, קעסטעלדיגע הוי-
זען, אַ פּיקע-וועסטעל, אַ העמד מיט מאַנזשעטען, אַ קאָלירטער
קראַוואַט מיט גאָלדענע פויגעל אויף אַ בלויען פאָן,—דאָס אַלץ
איז שוין געווען עטוואָס אָבגעניצט, פערלעגען און האָט דער-
מאָהנט אין אַלטע פערגאַנגענע צייטען, נאָר איצט האָט ער עס
אַזוי ווי אָנגעטאָן לכבוד עפּיס אַ געשעהעניש. אויף די פיס האָט ער
געהאַט שווערע וואָליקעס, וואָס צוזאַמען מיט׳ן דייטשען קאָסטיום
האָבען זיי איהם צוגעגעבען זעהר אַ קאָמיש אויסזעהן. איבע-
ריגענס, האָט דאָסדאָזיגע קליינע מענשעלע נישט געשפּירט דעם
קאָנטראַסט און איז אַרומגעגאַנגען מעשה-פּראַנט, מיט קליי-
ניטשקע, געצעהלטע טריטעלעך.

זיין פּרצוף און זיין גאַנצע פיגור איז געווען עפּיס אַ
גרויע, פונקט ווי ער וואָלט עטוואָס צוגעניצט אָדער צוגעלעגען
געווען, נאָר איצט האָט מען איהם צוגעפּוצט און צוגערייניגט
לכבוד עפּיס אַ געשעהעניש. אינ׳ם שמייכעל, אין די גרויע אוי-
גען, אינ׳ם טאָן האָט זיך געשפּירט עפּיס אַ פּרעטענזיע אויף
קולטור. דאָס קליינע מענשעלע האָט אַזוי ווי געוואָלט בעווי-
זען, אַז ער האָט אויך געזעהן בעסערע טעג אין זיין לעבען,
אַז ער ווייס ווי זיך צו האַלטען און אַז ביי אַנדערע אומ-
שטענדען וואָלט ער געשטאַנען מיט אונז אויף איין מדרגה.

אָבער צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך אַזוי ווי אייגעשרומפּען. זיך געשראָקען, פּונקט ווי מען וואָלט פון איהם אַ סך געפּאָדערט און ער האָט מורא, מיר זאָלען אויך נישט טאָן דאָס אייגענע.

—וואָס הייסט קיין פערד זענען נישטאָ ?—האָב איך אַרויסגעזאָגט און בעת-מעשה אַריינגעקוקט אין בוך, וואָס איז, קענטיג, נישט לאַנג אַוועקגעלעגט געוואָרען אויף אַ קענטיגען אָרט.—צוויי טראָיקעס בעדאַרפען זיין אויף דער סטאַנציע.

—אַזוי איז עס טאַקי,—האָט ער מיט הכנעה געענטפערט.—צוויי טראָיקעס בעדאַרפען זיין. אָבער, אייגענטליך... ווי אַזוי דערקלערט מען עס אייך, גנעדיגער הער...

ער האָט זיך פערהאַקט.

—האָט רחמנות אויף מיר און פאָדערט נישט,—האָט ער פלוצלונג אַרויסגעזאָגט מיט אַ פער׳יתומ׳טען און דערשלאָגענעם טאָן.

—אָבער פאַרוואָס ?—האָב איך מיך גע׳חדוש׳ט.

—אַ מאָדנער מענש זענט איהר, כלעבען !—האָט זיך מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש אַריינגעמישט מיט אַ נישט-ניחא׳דיגקייט ; ער האָט שוין בעוויזען אַפילו אַראָבצוואַרפען פון זיך די הויזען.—פאַרוואָס און פאַרוואָס ? נו, צו וואָס איילט איהר זיך אַזוי ? וואָס, די קינדער אייערע וויינען ?.. זעהסט דאָך, ברודערל, אַ מענש בעט מים טרעהרען, מסתמא איז דאָך פאַרהאַן עפּיס אַ סיבה !

—טאַק טאָטשנאָ-ס,—האָט זיך דערפרעהט דאָס אונבעקאַנטע מענשעלע און זיך אָנגערופען צו קאָפּילענקאָו׳ן, ציהענדיג די פּאָלעס פון זיין סורדוטל,—איהר האָט טאַקי ריכטיג בעמערקט. שוין-זשע וועל איך אָהן אַ שום סיבה אויפהאַלטען די אורחים. ניקאַגדאַ—ס !

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַפילו שטאָלץ אַרויסגעזאָגט, נאָכדעם זיך אויסגעגלייכט און אויסגעצויגען דאָס סורדוטל.

—נו, גוט,—האָב איך געזאָגט און זיך גערן אונטערגעגעבען, ווייל איך האָב פערשטאַנען די אונמעגליכקייט אַרויס-

צושלעפּען מיין וועג-חבר, וואָס האָט זיך הענדום-פּענדום אויסגעטאָן, אויפ'ן ברענענדיגען אָווענד-פּראָסט.—אָבער דערקלערט דאָן די סיבּה, אויב דאָס איז נישט קיין סוד...

אַ צופרידען שמייכעלע האָט בעלויכטען דאָס פּנים פונ'ם קליינעם מענשעלע. ער האָט געזעהן, אַז ער האָט גע'פּועל'ט בּיי מיר און האָט מיר געוואָלט ענטפערן מיט אַ בעזונדער וואַרימקייט, אָבער פּלוצלונג האָט ער אויסגעשפּיצט די אויערן.

פון דרויסען, פון טייך האָט זיך דערהערט עפּיס אַ קלינען, נישט-געקוקט אויפ'ן קנאַקען פונ'ם אייזערן אויוועלע.

די טיר האָט זיך געעפענט און דער סטאַראָסטע, לויט'ן אויסזעהן אַ האַלבּער יאַקוט, איז פאָרזיכטיג אַריין אין צימער, פּאַוואָליע צוגעשפּאַרט די טיר און זיך אָנגערופען:

—די פּאָסט, וואַסיל ספּירידאָניטש...

—אַי, די פּאָסט!—האָט זיך דער אַלטעטשקער בערוהיגט.—נו, באַר-אַנטאַך (געה-אַוועק), אָבער שנעל!.. איך געה אויך. ענטשולדיגט מיר, מיינע חשוב'ע הערן...

ער איז ארויסגעגאַנגען. אין דער סטאַנציע איז געוואָרען אַ בעוועגונג. די טירען האָבען געקלאַפּט, די טרעפּעלעך האָבען געסקריפּעט, פוהרלייט האָבען געשלעפּט פּעק און זעק; אין דער געעפענטער טיר האָט זיך יעדעס מאָל אַריינגעריסען אַ געדויש פון אַוועקגעפיהרטע און איבערגעשפּאַנטע טראָיקעס אויפ'ן אייז, די פוהרלייט האָבען געשריען צו איינאַנדער אויף יאַקוטיש, אָבער זיך גערעדט אויף אַ ריין רוסישען דיאַלעקט און דערמיט בעוויזען זייער רוסישע אָבשטאַמונג...

דורכאויס קומען צו קבורה אויף אַ בערגעל, ביים וואַסער, וואו עס איז פאַרהאַן אַ סך פרייער שטח—דאָך האָב איך דערקאָנט די סטאַנציע אַט-דאַוואַן, וועלכע איך האָב נאָך בעמערקט פריהער, בשעת איך בין דאָ צום ערשטען מאָל פערבייגעפאָהרען, דער רויטער קיזעלשטיין מיט די אויסטערלישע פאַלצען, עהנליך צו עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטען שריפט, די גלייכע וואַנד פון ברעג, וואָס איז אַזוי ווי קינסטליך אויפגעשטעלט, די מאָגערע לערכענבוימער, דער יאַקוטישער קבר מיט׳ן צלם און הייזעל און, צולעצט, דאָס לאַנגע ליילעך פון ווייסען רויך, וואָס הענגט פון ברעג איבער׳ן טייך—דאָס אַלץ איז מיר תיכף געקומען אויפ׳ן זכרון. דאָ איז נישטאָ קיין וועג, דער ברעג שטעהט, ווי אַ וואַנד. דעריבער לאָזט מען ווינטער די שליטענס שטעהן אויפ׳ן טייך, און די פערד פיהרט מען דורך אַ שמאָל שטעגעלע אויפ׳ן אייז. מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש האָט זיך אויך באַלד בערוהיגט, בפרט-נאָך, אַז אויפ׳ן שטעגעלע האָבען שוין געבלינצעלט לאַמטערנעלעך.

אין אַ מינוט אַרום זענען מיר געווען אין דער הויך, ביי דער סטאַנציע.

דאָס קליינע סטאַנציע-חדר׳ל איז געווען שטאַרק אָנגעהויצט. פון דעם אָנגעבּרענטען אייזערנעם אויווען האָט געשלאָגען מיט אַ טרוקענער היץ. אַ צוויי חלב׳ענע ליכטלעך, צושמאָלצען פון וואַרימקייט, האָבען בעלויכטען די צרה׳דיגע אויסשטאַטונג פון אַ האַלב-יאַקוטישען בנין, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ סטאַנציע. גענעראַלען און שענהייטען-פרויען זענען געהאַנגען אויף די ווענד צוזאַמען מיט מעלדונגען פון דער פּאָסט-פערוואַלטונג און פּאַטענטען אין שוואַרצע ראַהמען, געדיכט בעזעצט מיט סימנים פון פליגען. לויט׳ן אויסזעהן פון דער סטאַנציע איז געווען קענטיג, אַז עמיץ ווערט דאָ אָבגעוואַרט, אָבער מיר האָבען קיין שום גרונד נישט געהאַט צוצושרייבען זיך דידאָזיגע אויפנאַהם-הכנות.

—זעהסטו, ברודערל, עס איז אויסגעצייכענט!—האָט מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש געריעדט זעהר אַ צופרידענער און זיך

גענומען צו די פּעקלעך מיט עסענוואַרג.—אַ מחיה'דיגע וואַרימקייט! דאָ, זעהסטו, וועלען מיר שוין אויך איבערנעכטיגען! ע', ווער איז דאָרט... דער שרייבער, צי וואָס? אַ סאַמאָוואַרל זאָל מיר געשטעלט ווערען, טייעלע...

—ניין, ניין, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש,—האָב איך מיך געפּרובט אָבּוועענדען,—עס איז נאָך צו-פריה. מיר קאָנען אַדורכפאָהרען נאָך אַ סטאַנציע, און דאָרט וועלען מיר איבערנעכטיגען.

—רבותי, קיין פערד זענען נישטאָ,—האָבען מיר הינטער זיך דערהערט עפּיס אַ קוויטשיגען, זיסליכען און ציטריגען קול.

איך האָב מיך אומגעקוקט. אין צימער איז אַריין אַ קליין קיילעכיג מענשעל פון אַנ'אונבּעשטימטען עלטער, מיט אַ גאַנץ אָריגענעלער קליידונג. אַ קורצעקיג סורדוטל, קעסטעלדיגע הויזען, אַ פּיקע-וועסטעל, אַ העמד מיט מאַנזשעטען, אַ קאָלירטער קראַוואַט מיט גאָלדענע פויגעל אויף אַ בלויען פאָן,—דאָס אַלץ איז שוין געווען עטוואָס אָבגעניצט, פערלעגען און האָט דערמאָהנט אין אַלטע פערגאַנגענע צייטען, נאָר איצט האָט ער עס אַזוי ווי אָנגעטאָן לכבוד עפּיס אַ געשעהעניש. אויף די פיס האָט ער געהאַט שווערע וואָליקעס, וואָס צוזאַמען מיט'ן דייטשען קאָסטיום האָבען זיי איהם צוגעגעבען זעהר אַ קאָמיש אויסזעהן. איבעריגענס, האָט דאָסדאָזיגע קליינע מענשעלע נישט געשפּירט דעם קאָנטראַסט און איז אַרומגעגאַנגען מעשה-פּראַנט, מיט קלייניטשקע, געצעהלטע טריטעלעך.

זיין פּרצוף און זיין גאַנצע פיגור איז געווען עפּיס אַ גרויע, פּונקט ווי ער וואָלט עטוואָס צוגעניצט אָדער צוגעלעגען געוועזן, נאָר איצט האָט מען איהם צוגעפּוצט און צוגערייניגט לכבוד עפּיס אַ געשעהעניש. אינ'ם שמייכעל, אין די גרויע אויגען, אינ'ם טאָן האָט זיך געשפּירט עפּיס אַ פּרעטענזיע אויף קולטור. דאָס קליינע מענשעלע האָט אַזוי ווי געוואָלט בּעווייזען, אַז ער האָט אויך געזעהן בעסערע טעג אין זיין לעבען, אַז ער ווייס ווי זיך צו האַלטען און אַז בּיי אַנדערע אומשטענדען וואָלט ער געשטאַנען מיט אונז אויף איין מדרגה.

אָבער צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך אַזוי ווי אײַגעשרומפּען. זיך געשראָקען, פּונקט ווי מען וואָלט פון איהם אַ סך געפּאָדערט און ער האָט מורא, מיר זאָלען אויך נישט טאָן דאָס אייגענע.

—וואָס הייסט קיין פערד זענען נישטאָ ?—האָב איך אַרויסגעזאָגט און בעת-מעשה אַרײַנגעקוקט אין בוך, וואָס איז, קענטיג, נישט לאַנג אַוועקגעלעגט געוואָרען אויף אַ קענטיגען אָרט.— צוויי טראָיקעס בעדאַרפען זיין אויף דער סטאַנציע.

—אַזוי איז עס טאַקי,—האָט ער מיט הכנעה געענטפערט.— צוויי טראָיקעס בעדאַרפען זיין. אָבער, אייגענטליך... ווי אַזוי דערקלערט מען עס אייך, גנעדיגער העַר...

ער האָט זיך פערהאַקט.

—האָט רחמנות אויף מיר און פאָדערט נישט,—האָט ער פלוצלונג אַרויסגעזאָגט מיט אַ פער׳יתומ׳טען און דערשלאָגענעם טאָן.

—אָבער פאַרוואָס ?—האָב איך מיך גע׳חדוש׳ט.

—אַ מאָדנער מענש זענט איהר, כלעבען !—האָט זיך מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש אַרײַנגעמישט מיט אַ נישט-ניחא׳דיגקייט ; ער האָט שוין בעוויזען אַפילו אַראָבצוּוואַרפען פון זיך די הויזען.—פאַרוואָס און פאַרוואָס ? נו, צו וואָס איילט איהר זיך אַזוי ? וואָס, די קינדער אייערע וויינען ?.. זעהסט דאָך, ברודערל, אַ מענש בעט מים טרעהרען, מסתמא איז דאָך פאַרהאַן עפּיס אַ סיבה !

—טאַק טאָטשנאָ-ס,—האָט זיך דערפרעהט דאָס אומבעקאַנטע מענשעלע און זיך אָנגערופען צו קאָפּילענקאָוו׳ן, ציהענדיג די פּאָלעס פון זיין סורדוטל,—איהר האָט טאַקי ריכטיג בעמערקט. שוין-זשע וועל איך אָהן אַ שום סיבה אויפהאַלטען די אורחים. ניקאָגדאַ—ס !

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַפילו שטאָלץ אַרויסגעזאָגט, נאָכדעם זיך אויסגעגלייכט און אויסגעצויגען דאָס סורדוטל.

—נו, גוט,—האָב איך געזאָגט און זיך געררן אונטערגעגעבען, ווייל איך האָב פערשטאַנען די אונמעגליכקייט אַרויס-

צושלעפּען מיין וועג-חבר, וואָס האָט זיך הענדום-פּענדום אויס-געטאָן, אויפ׳ן ברענענדיגען אָוועגד-פּראָסט.—אָבער דערקלערט דאָך די סיבה, אויב דאָס איז נישט קיין סוד...

אַ צופרידען שמייכעלע האָט בעלויכטען דאָס פּנים פונ׳ם קליינעם מענשעלע. ער האָט געזעהן, אַז ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי מיר און האָט מיר געוואָלט ענטפערן מיט אַ בעזונדער וואַרימקייט, אָבער פּלוצלונג האָט ער אויסגעשפּיצט די אויערן.

פון דרויסען, פון טייך האָט זיך דערהערט עפּיס אַ קליינ-ען, נישט-געקוקט אויפ׳ן קנאַקען פונ׳ם אייזערן אויוועלע.

די טיר האָט זיך געעפענט און דער סטאַראָסטע, לויט׳ן אויסזעהן אַ האַלבער יאַקוט, איז פאַרזיכטיג אַריין אין צימער, פּאַוואָליע צוגעשפּאַרט די טיר און זיך אָנגערופען:

—די פּאָסט, וואַסיל ספּירידאָניטש...

—אַי, די פּאָסט!—האָט זיך דער אַלטעטשקער בערוהיגט.—נו, באַר-אַנטאַך (געה-אַוועק), אָבער שנעל!.. איך געה אויך. ענט-שולדיגט מיר, מיינע חשוב׳ע הערן...

ער איז ארויסגעגאַנגען. אין דער סטאַנציע איז געוואָרען אַ בעוועגונג. די טירען האָבען געקלאַפּט, די טרעפּעלעך האָבען געסקריפּעט, פוהרלייט האָבען געשלעפּט פּעק און זעק; אין דער געעפענטער טיר האָט זיך יעדעס מאָל אַריינגעריסען אַ געדויש פון אַוועקגעפיהרטע און איבערגעשפּאַנטע טראָיקעס אויפ׳ן אייז, די פוהרלייט האָבען געשריען צו איינאַנדער אויף יאַקוטיש, אָבער זיך געזידעלט אויף אַ ריין רוסישען דיאַלעקט און דער-מיט בעוויזען זייער רוסישע אָבשטאַמונג...

III

אין עטליכע מינוט אַרום איז אין צימער נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר פשוט אַריינגעלאָפען אַ מענש. נישט קיין הויכער, אין אַ שטאַרק אויסגעריבענעם קאַזיאָנעם שינעל, אין אַ יאַקוטישען מאַלאַכאַי, אַרומגעבונדען מיט אַ שאַרף. אַריינגעלאָפען איז ער אַזוי שנעל, פונקט ווי עמיץ וואָלט זיך נאָכגעיאָגט נאָך איהם און איז באַלד אַוועק צו דעם אויוועלע.

אַראָבגעוואָרפען דעם שינעל, איז ער פערבליבען אין אַ מאָגערן פעלצעל, בעשלאָגען מיט האָזענפעל, עהנליך צו אַ וויבערשער קאַטאַנקע. נאָכדעם, ווי ער האָט אַראָבגעוואָרפען דעם פעלצעל, איז ער פערבליבען אין אַנ׳אַלטען מונדיר פון דער פּאָסט-פערוואַלטונג, מיט לעכער אונטער די אָרעמס.

דאָס איז ווירקליך געווען אַ פּאָסטאַליאָן, וואָס איז שנעל אַנטלאָפען פון פראָסט, וועלכער האָט, קענטיג, אויפ׳ן לאַנגען וועג אָבגעהאַלטען איבער איהם גרויסע נצחונות. דער אָרימער יונגערמאַן האָט געריסען פון זיך די פערפראָרענע מלבושים, פונקט ווי אין זיי וואָלט געזעסען אַ גאַנצע מחנה בייזען, און

איידער ער האָט נאָך אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַלאַכײַ און דעם שאַרף, האָט ער שנעל אַראָפּגעוואָרפען פון די פיס די וואַליקעס און אַוועקגעלעגט זיי מיט די פּאָדעשוועס צום אויװען. דאָס אַראָפּציִהען דעם מאַלאַכײַ און דעם שאַרף האָט צוגענומען מעהר צייט. די יאַקוטען און קאַרימער טראָגען נישט קיין באָרד און וואָנסען. דאָס איז שוין אַריין אין זייערע עסטעטישע געוועהנהייטען, אָבער דאָס דערקלערט זיך מיט ריין-קלימאַטישע בעדינגונגען. דער אָרימער פּאָסטאַליאָן האָט, אַ פּנים, שטאַרק געהאַלטען פון דידאָזיגע אַטריבוטען, און איצט האָט זיין שיטער בערדעלע און אַזוינע ווענסעלעך, מיט וועלכע ער האָט מסתמא ערגעץ אין אַ קירענסק געפאַנגען אַן'אָנגעפאָהרענע כלה פון אַ פערמעגליכען קאָלאָניסט—זיך פערוואַנדעלט אין אייז-וואורשטלעך, וואָס האָבען פעסט בעהעפט זיין קאָפּ מיט'ן מאַלאַכײַ און שאַרף. אַ היבש שטיקעל צייט האָט געמוזט אַוועקנעהמען, ביז דער פאָרשטעהער פון דער פּאָסט-פערוואַלטונג, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געדרוקט דעם קאָפּ כמעט אין פייער אַריין און בעת-מעשה מיט האַלב דערפראָהרענע פינגער צוריבען די אייז-וואורשטלעך, האָט זיך, צולעצט, געקאָנט ווייזען פאַר אונז אין זיין אמת'ער מראה: אַ יונג, אָבער אָבגעלעבט פּנים מיט אונרוהיגע, אָבער שטאַרע אויגען, אַ דערשראָקענע בעוועגליכקייט אין דער גאַנצער פיגור, אַ קורצער און אַן'איינגער מונדיר, מיט געפּלאַצטע נעט; אויף די פיס—האָזענזאָקען.

—טשע!—האָט ער זיך אָבגעטרייסעלט.—טימני בערט, מאָראָז אולאַכאַן (זעהר קאַלט, אַ גרויסער פראָסט)... דערלויבט אַ גלעזעלע שנאַפּס, גאָספּאָדאַ!

—נו, מאַך אַ קנאַק האָט קאָפּילענקאָוו גוטמוטיג געזאָגט—אומגליקליכער מענש, וואָס דו ביזט.

די אויגען פונ'ם יונגענמאַן האָבען פון דאָסניי גענומען פינקלען מיט שרעק. דעם סוהר'ס קאַלטע בעדיערונג האָט איהם נאָכמעהר דערמאָהנט דעם פראָסט אויפ'ן שליאַך, און דאָס גלעזעל שנאַפּס איז אַראָבגעשלונגען געוואָרען, פונקט ווי אַ שטיקעלע אייז. האָט ער אָנגעגאָסען אַ צווייט גלעזעלע און תיכף

אַוועקגעשיקט נאָכ'ן ערשטען. איצט האָט שוין גענומען פער־שווינדען דער אויסדרוק פון שרעק אויף זיין פנים.

—דאָס איז אַנ'אמת,—האָט ער זיך אָנגערופען,—אַ היגד־טיש לעבען... און די פרעסט זענען גרויסע, אַ מאָדנע זאַך...

—אָבער אָנגעטאָן ביזטו—אָך און וועה. גאָרנ־שט פאַר דעם היגען קאַנט.

—נו, דאָס אָנטועכטס איז נאָך נישקשה. און צוריקגערעדט... וואָס פאַר אַ קליידער קאָנסטו זיך מאַכען פאַר אַכט רובל...

איין מאָל אין וואָך לויפט-אַדורך די פאָסט איבער דעם־דאָזיגען גרויסען טראַקט. ווינטער מאַכט זי דורך דעם דרייטוי־זענד-וויאָרסטיגען וועג אין 19 טעג; זומער, נאַטירליך, געדוי־ערט מעהר. הערבסט און פריהלינג, בשעת די לעבע שטעלט זיך נאָך נישט, אָדער זי ריהרט זיך שוין און דער אייזגאַנג שטערט די בעוועגונג פון די שיפלעך, פיהרט מען די פאָסט אין זעקלעך, רייטענדיג. אַ גאַנצער קאַראַוואַן מיט אָנגעלאָדענע פערד דרענגט זיך צווישען דעם טייך און די פעלזיגע בערג, געהען-אַריין אין וואַסער ביז'ן בויך, אויסמיידענדיג אַ גרויסען פעלז, קלעטערט איבער די פעלזיגע שטעגעלעך און ווייזט זיך אַמאָל אויפ'ן שפיץ פון באַרג, כמעט אונטער די וואָלקענס. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ בעשעפטיגונג, וואָס זאָל פאָדערען מעהר אויסגעהאַלטענקייט, דרייסטקייט, געדולד און גע־זונד... דרייטויזענד וויאָרסט!.. די קוטשערס איז אויך שווער, אָבער זיי האָבען זיך שוין לאַנג אומגעקעהרט אַהיים און רו־הען זיך אויס, ביז וואַנען עס פאָהרט-דורך אַ זעלטענער אורח אָדער טיילמאָל אַפילו ביז דער צווייטער פאָסט, אָבער דער פאָסטאַליאָן סרויסעלט זיך ווידער אויפ'ן זאָטעל אָדער וויגט זיך אויף דער שטורמישער כוואַליע פונ'ם ריזיגען טייך, אָדער ווערט פערגליווערט פון פראָסט, צווישען די רימענע זעק אינ'ם שליטען. און ביי אַזאַ אַרבייט איז די פענסיע אַ געוועהנליכע פאָסט-פענסיע...

אמת, דער פאָסטאַליאָן פערדינט אויך פון דער זייט. אין אירקוטסק, אַ שטייגער, קויפט ער זיך אַ פעסעל ביליגען בראָנפען

פען און פערקויפט איהם די שרייבערס און די קוטשערט אויף די סטאַנציעס. ער האַנדעלט אויך מיט קאַלענדאַרען און מאַרק-בילדלעך. די אַלע בילדער, וואָס בעפוצען די וועגד פון די סטאַנציעס, געהען-דורך זיינע הענד. ער ענטוויקעלט די עסטע-טישע בעגריפען ביי די האַלבע יאַקוטען פון די סטאַנציעס, ער בעציירט זייערע וועגד מיט פאָרטרעטען פון פרויען-שענהייטען, וואָס האָבען ערגעץ בעקומען די פרעמיע פאַר זייער שענקייט, פערשפרייט די פאָפולאַריטעט פון גענעראַלען און וואַרפט זיי אויך אַראָב, אויפהענגענדיג די סאַמע נייעסטע אויף זייער אָרט... דידאָזיגע נוצליכע טעטיגקייט לינדערט עטוואָס דעם ביטערן גורל פונ׳ם אומגליקליכען פאָסטאַליאָן, און אויב ער בלייבט לעבען אין זיין שלעכטען אָנטועכטס צווישען די שרעק-ליכע פרעסט, בעדאַרף עס איבערהויפט און אויסשליסליך צו-געשריבען ווערען דעם בראָנפען, וואָס ער טרינקט-אויס אין אַ גרויסער מאָס אויף יעדער סטאַנציע. אַזוי-אַרום קאָסט ער איהם ביליג און ברענגט איהם נאָך אַריין הכנסה—כלעבען, אַ גאַנץ אונשולדיגע הכנסה ביי אַזוינע אומשטענדען...

און טאַקי בלויז דורך איהם דערוויסט זיך דערדאָזיגער דרייטויזענד-וויאָרסטיגער שליאַך מיט זיינע איינציגע איינוואוי-נער—סטאַנציע-לייט די אַלע נייעס און געשעהענישען, וואָס קומען-פאָר אין דער ווייטער וועלט.

אַזאַ מין קעמפער פון דער פאָסט-פערוואַלטונג איז איצט געשטאַנען ביים אייזערנעם אויוועלע, מיט אונטערגעבויגענע פיס פון קעלט, מיט אויסגעצויגענע הענד צום פייער און גע-וואָרפען דורשטיגע בליקען צו אונזערע פלאַשען.

—קאָניאַק האָט איהר, האַ ?.. איך וועל נאָך כאַפּען אַ ביסעלע קאָניאַק,—האָט ער פלוצלונג אַרויסגעזאָגט מיט אַ ציט-ריגער פאַמיליאַרישקייט און איז צוגעלאָפען צום טיש, אָנגע-גאָסען, אַראָבגעשלונגען און ווידעראַמאָל אַוועקגעלאָפען צום פייער אַלץ מיט דער אייגענער מינע פון אַ מענשען, וואָס אַנ׳-אינערליכע קעלט האָט איהם איבערגעשראָקען.

—הער-נאָר, פּאָסט, לאָמיר טרינקען טיי צוזאַמען,—האָט קאָפּילענקאָוו פאָרגעלעגט.

—איך קאָן נישט, מיינע חשוב'ע הערן. איך איַיל מיך. הער, אַלטיטשקער,—האָט ער זיך אָנגערופען צום שרייבער, וואָס איז בעת-מעשה אַריין אין צימער,—זיי פאַרזיכטיג! ער פאָהרט דאָך...

דער אַלטיטשקער האָט אָבגעזיפצט.

—מילא, וואָס גאָט וועט געבען! מיר וואַרטען שוין לאַנג, אַבי גיכער אַדורכקומען...

—נו, שנעלער. לאָמיר זיך אַרויסרייסען פון דאַנען, נישט אָנטרעפען זיך מיט איהם. אָבער ווי אַזוי—ער וועט דיך אומעטום דעריאָגען! עס איז נאָך גוט, ווען דאָס טרעפט אויפ'ן וועג...

—וואָס האָסטו זיך צו שרעקען...

—בעסער פון דערווייטענס... ער האָט זיך דאָך דערוואוסט, אַז מען האָט זיך געקלאָגט אויף איהם...

—נו?

—אָט-אָט... מען זאָגט, אַז ער איז גאָר פון דער הויט געשפרונגען...

—נו, גאָט איז אַ באַרמהאַרציגער. מיר האָבען זיך נישט געקלאָגט...

—וועגען ווען דעמען רעדט איהר דאָס?—האָט קאָפּילענקאָוו געפרעגט.

—דער קוריער אַראַבין... פון ווערכאָיאַנסק פאָהרט ער...

—אַזוי, אַזוי, אַזוי... דערפאַר האָסטו עס קיין פערד נישט פערשטאַנען! און וואָס, אַ שטייגער ווען מיר נעהמען דיר צו די לעצטע פערד...

—נו, געוויס אַזוי... זאָגט אַליין: זיי וועלען קומען אַהער און איך וועל זיי זאָגען: נישטאָ קיין פערד! דאָס איז דאָך... דעמאָלט וואָלטען זיי דאָך געמוזט דאָ איבערנעכטיגען...

קאָפּילענקאָוו האָט זיך צולאַכט.

—נו, ברודער, פאַר דער נאַכט וואָלט ער דיך אויפגע-

געסען מיט דיין סורדוטל צוזאַמען.

דער פּאָסטאַליאָן האָט זיך אויך צולאַכט, אָבער ווילד, פּערוואַרפענדיג דעם קאָפּ אַהינטער. דער אַלטיטשקער האָט גע־פּרובט שמייכלען פון העפליכקייט בלויז. ער האָט אויסגעזעהן פערטראַכט און פערזאָרגט.

—גאָט ווייס, גאָט ווייס... ביז אַהער האָט אַפילו גאָט אָבגעהיט... בהמה האָט ער מיך פונדעסטוועגען יאָ אָנגערופען...

—מכבד-געווען, הייסט עס.

—יאָ, מילא... נאַטירליך, ווען דאָס טרעפט אַמאָל, בשעת איך בין געווען אַ קאָלעגען-סעקרעטאַר, וואָלט איך מיך געקאַנט בעליידיגען... אָבער ביי מיין איצטיגען צרה'דיגען מצב בין איך מחויב צו ליידען... איהר האָט בעוויליגט אַ סאַמאָוואַרל?—האָט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן.—אַך, גאָט מייגער, וואָס איז דאָס מיט מיר... באַלד וועט זיין פאַרטיג. צוויי סאַמאָוואַ־רען האָבען מיר... אויב ער וועט קומען, וועלען מיר איהם אויך שטעלען אַ סאַמאָוואַר... באַלד...

IV.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט אַ פרוי, נאָך נישט קיין אַל-
טע און אַ גאַנץ שענע, אַרייַנגעטראָגען אַ סאַמאָוואַר און פונאַנ-
דערגעשטעלט דאָס טייגעשיר. אַז דער פּאָסטאַליאָן האָט זי דער-
זעהן, האָט ער זיך ווידער צולאַכט מיט זיין ווילדען געלעכטער
און דער שרייבער איז מיט אַמאָל ערנסט געוואָרען. צום טיי
האָבען מיר אייַנגעלאַדען דעם אַלטיטשקען און דעם פּאָסטאַליאָן.
דער פּאָסטאַליאָן האָט זיך אָבגעזאָגט, און מיט דער אייגענער
שנעלקייט, מיט וועלכער ער האָט פריהער אַראָבגעוואָרפען פון
זיך די מלבושים, האָט ער זיי איצט אָנגעטאָן, הגם זיי זענען
נאָך נישט אינגאַנצען טרוקען געווען. דער שרייבער האָט זיך
אַפילו געפּרובט אָבזאָגען פון דרך-ארץ-וועגען, אָבער נאָכדעם,
ווי מיר האָבען איהם נאָכאַמאָל געבעטען, האָט ער, אַ צופרידע-
נער, אָנגענומען די אייַנלאַדונג.

—מיט דעם גרעסטען פערגעניגען וועל איך צושטעהן צו
דער קאָמפּאַניע,— האָט ער זיך אָנגערופען און באַלד דערויף
האָט ער פערשפּיליעט זיין פּידזשאַק אויף אַלע קנעפּלעך, זיך

אָנגענומען פֿאַר'ן ווענדטעל פון שטול און נאָכֿדעם ווי ער האָט זיך פערנויגט, האָט ער אַרויסגעזאָגט:

—איך האַלט פֿאַר מיין כבוד זיך אָנצורופען: וואַסילי ספירידאָנאָוו קרוגליקאָוו, געוועזענער קאָלעגען-סעקרעטאַר... מיר איז זעהר אָנגענעהם די בעקאַנטשאַפֿט...

—האָסטו, הייסט עס, געדינט?—האָט קאָפּילענקאָוו געפרעגט.

—טאַק טאָטשנאָ-ס, אין קאָמיסאַריאַט, אין פּלאָט-ס!

דער פאָסטאַליאָן האָט זיך אָנגעטאָן, אַריינגערוקט אונז אַלעמען די הענד ביים געזעגענען זיך און אַ זאָג געטאָן: „שפּירט זעה איך, האָט איהר? איך וועל נאָך אַריינכֿאַפּען אַ ביסעלע!" ער האָט אַריינגעכֿאַפּט און שנעל אַרויסגעלאָפען אויפ'ן פראָסט. איך האָב מיך אָנגעטאָן און בין אויך אַרויס נאָך איהם. אַז מען האָט געוואָלט זעהן אונטען די פאָסט, האָט מען געמוזט צו געהן צו דער וואַנד פון ברעג, וואו עס איז געלעגען דער קבר מיט'ן אָנגעבויגטען צלם.

דער טייך, פערלעגט מיט די ווייסע טאָראָסיעס, האָט שטיל שעמערירט אונטער דעם זילבערנעם און אומעטיגען שיין פון דער לבנה, וואָס איז געשטאַנען איבער די בערג. פונ'ם צווייטען ברעג, ווייטער ביי אַ פיר וויאָרסט, האָט זיך געלעגט אַ געדיכֿטער אונבעשטימטער שאָטען. אין דערווייטענס האָבען זיך נישט דייטליך אַרויסגעזעהן די ברעג-הויכֿקייטען, בעדעקט מיט וואַלד; זיי האָבען זיך געצויגען ווייטער און ווייטער, בעגלייטענדיג די פרייע בויגונגען פון דער לענע... עס איז עפּיס געוואָרען אי סומנע, אי אומעטיג, בשעת מען האָט געקוקט אויף דעמדאָזיגען ריזיגען אייז-מדבר.

די פאָסט—דריי טראָיקעס—האָט זיך גערירט פון אָרט, די גלעקעלעך האָבען רוישיג, נישט אין טאַקט גענומען ריידען אונטער מיינע פיס, פונקט ווי זיי וואָלטען אויפגעמונטערט איינאַנדער. דריי טונקעלע פלעקען, פונקט ווי פאַנטאַסטישע חיות, צונויפגענומען אינאיינעם, האָבען זיך בעוועגט איבער'ן שניי צווישען די טאָראָסיעס און זענען געוואָרען אַלץ קלענער און

קלענער. זיי האָבען זיך שוין לאַנג נישט אַרויסגעזעהן, אָבער דאָס קלינגען פון די גלעקעלעך איז נאָך אַלץ דייטליך געשטאַנען אין דער פראָסטיגער גלעזערנער לופט... יעדעס גלעקעלע האָט גערעדט אויף זיין שטייגער. דער מהלך האָט נאָר פערקלענערט די קראַפט, אָבער נישט די דייטליכקייט פון׳ן קלאַנג. נאָכדעם איז אַלץ פערשוואונדען געוואָרען, און בלויז די טאָראָסיעס האָבען שעמערירט, ווי אַ פאַנטאַסטישער כאַאָס און די הויכקייטען האָבען שטיל געשלאָפען אין שאָטען, און אונטער די ווייטע ברעגען האָבען זיך איבערגערוקט נעבעלהאַפטע טרוימען-בילדער.

כמעט די גאַנצע בעפעלקערונג האָט בעגלייט די פאָסט... אינ׳ם אָרימען אַט-דאַוואַן, וואָס האָט זיך גענעסטיגט אונטער פעלזען-בערג, איז דאָס פאַרביילויפען פון דער פאָסט אַ גאַנצע געשעהעניש.

אָבער די סטאַנציע האָט געוואַרט און זיך געפייניגט פון אַנ׳אַנדער געשעהעניש.

אַז די פאָסט איז פערשוואונדען געוואָרען און די גלעקעלעך זענען אַנטשוויגען געוואָרען, איז פאַרביי מיר אַדורכגעגאַנגען אַ מחנה צָנטרייבער, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען פון טייך און געשמועסט צווישען איינאַנדער אויף יאַקוטיש. איך האָב מיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלויבען אין זייערע שטילע שמועסען, דאָך האָב איך פערשטאַנען, אַז זיי ריידען נישט פון דעם, וואָס איז אַוועקגעפאָהרען, נאָר פון דעם, וואָס בעדאַרף קומען. אין מיין אויער איז צוויי מאָל אַריינגעפאַלען דער נאָמען „אַראַבין-טאָיאָן.״

מיך האָט געפאַנגען דער טרויעריגער רייץ פון דער נאַכט, און איך בין נאָך פערבליבען אויפ׳ן ברעג. די לופט איז געוועזן אונבעוועגליך און וואונדערליך-ריין, קיין שום שאָרך, קיין שום קלאַנג, פונקט ווי אַלץ וואָלט פערגליווערט געוואָרען אין אַ ציטריגער דערוואַרטונג... די אייז-שטיקער, וואָס זענען אַריינגעשטעלט געוואָרען אין די פענסטער, האָבען אַזוי ווי

געבּרענט און זיך איבּערגעגאָסען מיט די רעגענבּויגען-קאָלי-רען פון אַ פלאַם...

נאָכאַמאָל האָבּ איך אַ וואָרף געטאָן מיט'ן אויג אויף דעם אַרומיגען בּילד, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט האַרץ-פערכאַפּענדיגען אומעט, און בּין אַריין אין הייזעל.

V.

אינ׳ם חדר פאַר די אָנטרייבער האָט געפינקעלט דאָס פעסט-
געבויטע ליים-קאַמינדעל, פונקט ווי אַ פייערדיגער פּיסק פון אַ
מעשה׳לע-פיפערנאָטער. דאָס פייער האָט זיך געריסען אין קוי-
מען אַריין מיט אַנ׳אונגעוועהנליכער קראַפט, פונקט ווי אַ פייער-
דיגער טייך וואָלט געשטראָמט אַרויף. די איינגעבויגטע ווענד
פון דער יורטע האָבען דאָ זיך צונויפגערוקט, אַרומגעכאַפּט פון
אַ בלוטיג-רויטען שיין און דאָ זיך פערלאָרען אין אַ לייכטער
טונקעלקייט. אַ פייערדיגע פיגורען-גרופּע, וואָס איז אַזוי ווי
גאָר-וואָס אויסגעגאָסען געוואָרען פון אַ נאָך נישט אָבגעקיהלטען
מעטאַל, איז אין אַ האַלבען קרייז געשטאַנען ביים קאַמין.
אינמיטען איז געזעסען אַ יונגער סטאַנציע-מענש מיט פערטראַכ-
טע אויגען, אויסגעשטעלט צום פייער און מיט דער גאָמבע
אָנגעשפּאַרט אויף די הענד; לויט זיינע געזיכטס-שטריכען האָט
ער געהערט צו דער אויסטערלישער בעפעלקערונג פון דער מיטעל-
לענע, וואָס איז האַלב יאַקוטיזירט געוואָרען. פון האַלז האָבען
זיך איהם געגאָסען מאָדנע קלאַנגען, האַלב-יאָמערליכע, האַלב-
היסטעריש-אָבגעהאַקטע און זיי האָבען זיך צוזאַמענגעמישט מיט׳ן
קנאַקען און שיפּען פון פייער. דאָס איז געווען אַ יאַקוטיש
אימפּראָוויזאַציע-ליד, אין וועלכען אַ געניט געהער קאָן אויפכאַ-
כאַפּען די קאָנטורען פון אייגענאַרטיגער האַרמאָניע. „גאָט אין

הימעל,—האָט איך נישט-ווילענדיג געטראַכֿט,—ווי אַזוי, אויף וואָס פֿאַר אַ דרך עס ווערט נישט אויסגעדריקט דאָס מענשליכֿע געפֿיהל!..״ עס האָט בלויז געקלעקט צו כֿאַפּען אַ קוק אויף די בראָנזענע פּנים׳ער פֿון די אַט-דאַוואַנער סטאַנציע-לייט, אַז מען זאָל זיך קאָנען איבערצייגען אין דער פֿערכֿאַפּענדיגער גייסטיגער בעוועגונג, וואָס געוועלטיגט דאָ אין דער שמוציגער און נישט היימליכֿער יורטע.

דער יונגער סטאַנציע-מענש האָט געזונגען, די איבעריגע האָבען זיך צוגעהערט און עפּטער אויפגעמונטערט דעם זינגער דורך נישט-געצוואונגענע קורצע אויסגעשרייען. מיר האָבען אונזערע לידער, וואָס זענען פֿערשריבען און איבערגעטראָגען געוואָרען אויף נאָטען, אין וועלכֿע דאָס מעהר קאָמפּליצירטע געפֿיהל האָט זיך אויסגעגאָסען אין אַ בעשטענדיגער פֿאָרם. די ווילדע טייגע, די פֿעלזיגע שטעגעלעך אונטער דער לענע, דער טריבער און פֿער׳יתומ׳טער אַט-דאַוואַן—זיי האָבען זייערע לידער. זיי זענען נישט פֿערשריבען, נישט בעאַרבייט, זענען נישט האַרמאָניש און האַמעטנע, דערפֿאַר אָבער ווערט יעדעס ליד געבוירען פֿון ערשטען געפֿיהל-אויסברוך און רופֿט זיך אָב, ווי עאָלס האַרפֿע, מיט זיין נישט-פֿערענדיגטקייט און נישט-פֿערפֿיינערטער האַרמאָניע, אויף יעדען באַרג-ווינדטעלע, אויף יעדער בעוועגונג פֿון דער מרה-שחורה׳דיגער נאַטור, אויף יעדען ציטער פֿונ׳ם לעבען, וואָס איז אַזוי אָרים אין איינדרוקען... דער סטאַנציע-מענש האָט געזונגען וועגען דעם, אַז דער פֿראָסט פֿערשטאַרקט זיך, אַז די לענע שיסט, אַז די פֿערד טוליען זיך אונטער די פֿעלזען, אַז אין קאַמין ברענט אַ העל-פֿייער, אַז זיי, די אַנטרייבער, וואָס בעדאַרפֿען באַלד אַרויספֿאָהרען, האָבען זיך פֿערזאַמעלט אין אַ צאָהל פֿון צעהן מענשען, אַז זעקס פֿערד שטעהען אין שטאַל, אַז אַט-דאַוואַן וואַרט אויף אַראַבין-טאָיאָנ׳ען, אַז פֿון צפֿון, פֿון דער גרויסער שטאָדט רוקט זיך אָן אַ שטורם און אַט-דאַוואַן צאַפּעלט זיך און ציטערט...

דער לשון פֿון די יאַקוטישע לידער שיידט זיך אונטער פֿון דער לעבעדיגער שפּראַך, ווי דער סלאַוויאַנישער לשון פֿונ׳ם

הײנטיגען רוסיש. דער לידער־לשון איז געבוירען געוואָרען ערגעץ ווײט, אין די אומבעקאַנטע טיפענישען פון מיטעל־אַזיען, פון וואַנען די גרויסע פעלקער־צומישונג האָט אַרויסגעוואָרפען אַנ׳אָרים אָבגעבראָכען שטיקעל פון עפּיס אַ פאָלק אויפ׳ן ווײטען צפון־מזרח. אויפ׳ן צפון האָט ער דערהאַלטען די רײכע בילדער און פאַרבען פון ווײטען דרום... און טאַקי צוליב דעם צפון, צוליב זײן ציטריגער לופט, אין וועלכער דאָס פלאַצען פון אײז וואַקסט־אויס אין אַ שאָס פון אַ האַרמאַט און דאָס פאַלען פון אַ קלײן שטײנדעלע קראַכט, ווי אַ באַרג וואָלט אײנגעפאַלען—האָט דאָס ליד בעקומען אַ ציטריגע נײגונג צו היפּערבאָלען, צו ריזיגע ווילדע גוזמאות. און דערפאַר מסתמא בעגעגענט עפּטער דער יאַקוטישער איוואַנושקע, דער אָרימער יתום ער־סאַגאָטאָך אין זײנע פײנליכע נסיעות און וואַנדערונגען אַזױנע משונה׳דיגע ריזען, וואָס ביי דעם סאַמע קלענסטען פון זיי זענען די איקרעס גראָב, ווי אַנ׳אַלטער לערכענבוים און די אויגען וועגען צו פינף פונט.

אונבעמערקט האָב איך מיך געשטעלט אין שאָטען און געהערט דאָס ליד פונ׳ם סטאַנציע־מענש וועגען אַראַבין־טאָיאָנ׳ען... אַראַבין, אַראַבין!.. איך האָב שוין ערגעץ געהערט דידאָזיגע פאַמיליע. איך האָב מיך בעדאַרפט שטאַרק אָנשטרענגען, בכדי איך זאָל קאָנען אָברוקען פון זיך די לעגענדאַרע פיגור. איצט איז אין מײן זכרון אַרויסגעשוואומען אַ צווײטע פיגור, אין אַ בעקאַנטען הויז אין אירקוטסק האָב איך עטליכע מאָל בעגעגענט—אמת, נאָר פאַרבײגעהענדיג—אַ קאָזאַקען־קאָרגעט, וואָס האָט אויך געטראָגען די אײגענע פאַמיליע. דאָס איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט זיך מיט קײן שום זאַך נישט אויסגעצײכענט, אַ שווײגענדיגער, אַפילו עטוואָס אַ שעמעוודיגער, מיט יענער בעזונדערער שעמעוודיגקײט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענשען מיט אַ שרעקליכער אײגענליבע. דעמאָלט האָב איך איהם כמעט נישט בעמערקט, אָבער שפּעטער האָב איך געהערט, אַז ער האָט עפּיס נושא־חן געווען בײם גענעראַל־גובערנאַטאָר און יענער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ בעאַמטען פאַר „בעזונדערע

ענינים." שוין-זשע איז עס דער אייגענער? שוין-זשע הער איך עס ריידען וועגען איהם אויפ'ן גאַנצען שליאַך, בשעת אין אירקוטסק האָט קיינער נישט געוואוסט פון איהם?.. שוין דאָס דריטע מאָל ווי ער לויפט איבער דער לענע אַלס קוריער, און יעדעס מאָל הערט מען לאַנג נישט אויף צו ריידען וועגען איהם אויף דעם וויסטען טייך. אויף די סטאַנציעס האַלט ער זיך, ווי אַ מענש, וואָס אויף איהם אַליין איז אַוועגעלעגט געוואָרען די פליכט איינצושטילען דעם צעבונטעוועט קאַנט. רייסט ער זיך אַרויס, ווי אַ שטורמווינד און בושעוועט, וואַרפט-אָן אַנ'אימה און אַ שרעק אויף אַלעמען, סטראַשעט מיט'ן רעוואָלווער און... פערגעסט אומעטום צו צאָהלען דאָס נסיעה-געלד. צוליב דעם מסתמא געלינגט איהם אויסצופיהרען זיין שליחות אַקוראַט צום טערמין, וואָס האָט ממש פער'חדוש'ט די סאַמע געניטסטע מענשען, און ער האָט נאָכמעהר נושא-חן געווען ביי נאַטשאַלסטוואָ. „קוריער"—דאָס איז געוואָרען אַראַבינס אַ צונאָמען און אַ שטענדיגע פראָפעסיע. אין אירקוטסק אַ בעשיידענער און אַ שעמעוודיגער, איז ער באַלד געוואָרען אַנ'אַנדערער, ווי נאָר ער איז אַרויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט. זיין באמת איבערצייגט, אַז יעדע מאַכט איז שטאַרקער פון יעדען געזעץ, פיהלען זיך גאַנצע וואָכען צייט פאַר דעם איינציגען מאַכט-פאָרשטעהער אויף גרויסע שטיקער לאַנד און אין ערגעץ נישט בעגעגענען דעם קלענסטען ווידערשטאַנד—פון אַזוינע זאַכען קאָן נעהמען שווינדלען דער קאָפּ אַפילו ביי אַ מענשען אַ שטאַרקערן, ווי דער קאָזאַקען-קאָרנעט.

און דער קאָפּ האָט איהם באמת געשווינדעלט. דאָס לעצטע מאָל איז ער שוין געפלויגען דורך די זעלטענע שטעדט (קירענסק, ווערכאָליענסק און אַלעקמאַ), שטעהענדיג אין וואָגען און פאָכענדיג איבער'ן קאָפּ מיט אַ רויטער פאָהן. דערין איז געלעגען עפּיס פאַנטאַסטישעס: צוויי טראָיקעס זענען געפלויגען, ווי פויגעל, מיט טויטשרעק אין די אויגען, דער קוטשער איז געווען עהנליך צו אַ מת, וואָס איז אויפ'ן ראַנד פון וואָגען פערגליווערט געוואָרען מיט דער בייטש אין דער האַנד,

און דער פּאַסאַזשיר איז געשטאַנען און געפּאַטשט מיט דער פּאָהן...
די אָרטיגע מאַכט האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, די איינוואוינער זענען זיך צולאָפען. דעמדאָזיגען צוג האָט אַראַבּין בעצייכענט מיט אַזויפיל געפאַלענע פערד, אַנגסט און אָנקלאָגעס, אַז זיי האָבען זיך סוף-כל-סוף אַדורכגעריסען אין דרויסען, און די פּאָסט-פערוואַלטונג האָט געפונען פאַר נויטיג זיך אַריינצו-מישען. פערלויפענדיג פאָראויס, וועל איך נאָר זאָגען, אַז צו-ליב אַראַבּינ׳ען האָבען זיך צוקריגט צוויי פערוואַלטונגען, אַז אַראַבּינס דירעקטע נאַטשאַלסטוואָ איז דאָך געצוואונגען געווען זיך אָבצוזאָגען פון זיין פלייסיגען דינסט; ער האָט אָבער גע-האַט גרויסאַרטיגע רעקאָמענדאַציעס און האָט בעקומען אַ שטע-לע ווייטער אין מזרח, און דאָרט, אין אַמור, האָט ער, צולעצט, דערשאָסען אויף טויט דעם סטאַנציע-סמאָטריטעל. דעמאָלט האָט מען שוין אויך אין רוסלאַנד אָנגעהויבען ריידען וועגען אַראַ-בּין-טאָיאָנ׳ען, און ערשט דעמאָלט האָט מען זיך אויך דער-ראוסט, אַז אייגענטליך איז נישטאָ וועמען צו משפּט׳ען, מחמת דער בעריהמטער קוריער איז געווען פּשוט... משוגע.

אָט דאָס איז די ווייטערדיגע געשיכטע פונ׳ם גרויזאַם-שרעקליכען און אומגליקליכען אַראַבּין-טאָיאָן, וואָס איז אין דידאָזיגער נאַכט אָבגעוואַרט געוואָרען אינ׳ם ווייטען אַט-דאַוואַן. אָט וועגען דעם האָט עס געקלאָגט דאָס טריבע יאַקוטישע ליד אין דער יורטע פאַר די אָנטרייבער.

VI.

אָנגעטאָן אינ׳ם בלויזען װעש, איז מיכאַילאָ איװאַנאָװיטש געזעסען ביים טיש אינ׳ם סטאַנציע-חדר. קרוגליקאָװ איז געזעסען קעגענאיבער, אָבער די פּאָזע זיינע איז שוין געװען אַ היבש ביסעל פרייער, װי פריהער. פון דער נאַאיװער שמחה, װאָס האָט געלויכטען אין די גוטמוטיג-גזלנ׳ישע אויגען פון מיין װעג-חבר, האָב איך באַלד פערשטאַנען, אַז ער האָט שוין פערפיהרט איינעם פון יענע שמועסען, װאָס זענען איהם געװען זעהר צום האַרצען. דאָס זענען אייגענטליך געװען ריין-ביאָגראַפישע שמועסען, װאָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו פערדינסטלעך: װער, װאו און װי אַזוי עס האָט געמאַכט די מטבע. די אַלע פּרטים פון אַזוינע מינים דראַמעס האָבען פאַר איהם געהאַט דעם גרעסטען רייץ. קרוגליקאָװ האָט זעהר גערן געשאָטען מיט דידאָזיגע פּרטים און גערעדט האָט ער מיט דער אָביעקטיװער רוהיגקייט פון אַ מענשען, װאָס קוקט אויף אַלץ מן הצד—מיט די אויגען פון אַ בעאָבאַכטער.

—איז ער, זאָגסטו, בע׳קבצנ׳ט געװאָרען ?—האָט מיכאַילאָ

איוואַנאָוויטש געפרעגט און זיך איבערגעבויגט אַריבער׳ן טיש.

—ביז׳ן גרונט!—האָט קרוגליקאָוו געענטפערט און אַ בלאָז געטאָן אויפ׳ן טעצעלע מיט׳ן טיי,—אינגאַנצען, אינגאַנצען, אַזוי, אַז ער איז, זאָלט איהר מיר מוחל-זיין, אין איין העמד געבליבען, און דאָס אין אַ פרעמדס.

—אַזוי, ברודערל, איז אַ מענש פערלאָרען געגאַנגען!

—פערלאָרען געגאַנגען? אָבער פאַרוואָס זאָל ער פערלאָרען געהן? דאָ, אין דעם היגען קאַנט, זאָג איך, און נאָך מיט אַזאַ קאָפּ...

—באמת אַ חברה-מאַן. איז ער אויפגעקומען צוריק, זאָגסטו?

—און נאָך ווי אויפגעקומען!..

—נו, געשעפטען... וואו אָבער האָט ער געהאַט געלד צו נייע געשעפטען?..

קרוגליקאָוו האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעצעלע און פערבעגט אַ פינגער.

—ערשטענס, האָט ער אַ צווייט מאָל חתונה-געהאַט מיט אַן אַלמנה מיט אַ קאַפּיטאַלכעל. נו, אַפילו אַ שוואַך קאַפּיטאַלכעל...

—וואַרט-נאָר, דו זאָגסט: ער האָט חתונה-געהאַט? איז איהם דען דאָס ערשטע ווייב אַוועקגעשטאָרבען?

—ניין, זי לעבט! זי לעבט! דאָס שאַדט אָבער נישט.

—אַי-אַי-אַי... נ-נ-נו?.. וואָס קוועטשטו זיך, ברודערל, האַק ווייטער!

—נו, האָט ער ביסלעכווייז גענומען צו-האַנדלען מיט שפּירט ביי די גאָלד-רודעס.

—מיט שפּירט?.. נו, ברודער, היינטיגע צייטען וועסטו קיין עושר נישט ווערען פון שפּירט. דאָס זענען דיר נישט אַמאָליגע יאָהרען...

—אָך, ניין, איהר זענט זיך טועה, זאָלט איהר מיר מוחל-

זיין! שפירט איז זיך שפירט, אָבער אַז מען זאָל נאָך דערצו צו-האַנדלען מיט'ן ווייצעלע*)...

—אָט אַזוי רייד! ווען אַ בריה אַ יונג...

—ער איז אַ בריה! פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, פערשטעהט איהר מיך, און אָט האָט ער געמאַכט די רעכטע מטבע...

מיכאַליאָ איוואַנאָוויטש האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן איבער דער קניה.

—אַזוי, אַזוי, ברודערל! אָט אַ קאָפּ, שוין איין מאָל אַ קאָפּ... טרינק נאָך!—האָט ער גאַסטפריינדליך פאָרגעלעגט, בשעת הער קרוגליקאָוו האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לעדיגע גלאָז אויפ'ן טע-צעל, אַלס צייכען, אַז ער איז אַפילו זעהר צופרידען, אָבער ער וואָלט נאָך געטרונקען, ווען מען זאָל איהם, אַ שטייגער, בעטען (אַז מען קעהרט-איבער דאָס גלאָז מיט'ן דעק אַרויף און מען לעגט דערויף אַוועק דאָס שטיקעלע צוקער-איבערב,יי-בעכטס, בעדייט עס, אַז מען וויל שוין מעהר נישט טרינקען). טרינק! און וועגען אַ שטעלע, זאָלסטו גאָרנישט דאגה'ן. איך וועל דיר שוין געבען אַ שטעלע וועסטו זיין צופרידען. איך האָב, ברודער, ליב בערעדעוודיגע מענשען. דו מוזט מיר אָבער זאָגען דעם ריינעם אמת: האָסטו ליב דעם שנאַפּס?

הער קרוגליקאָוו האָט איהם אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגען אַריין מיט אַ ריינעם בליק און זיך אָנגערופען:

—פּיו-ס... פאַר אַ שכור האַלט איך מיך אַפילו נישט, אָבער איך טרינק... וועט איהר פרעגען, פאַרוואָס טרינק איך? וועל איך אייך זאָגען, אַז איך טרינק פון אַנגסט נאָך מיין פריהערדיג לייטזעליג לעבען... אָט איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש,— איהר מוזט איהם אַוודאי קאָנען: אַמאָל די רייכסטע רודעס גע-האַט,—פלעגט מיר טיילמאָל זאָגען: „קרוגליקאָוו, למאי טרינק-סטו? דו, מיט דיין שכל, טאָרסט עס נישט... אַ האַנדשריפט האָסטו אַ שענע, געהסט אָנשטענדיג אָנגעטאָן, פיהרסט זיך אויף

---

*) ווייצעלע—גאָלד-זאמד. האַנדלען מיט ווייצעלע—אויפקויפען די גאָלד-קערנער ביי די רודע-ארבייטער.

מעשה-מענש... קאָנסט פערנעהמען די בעסטע שטעלע, אָבער פונ׳ם בראָנפען געה-אַוועק!״ אָבער ניין, דאָס האַרץ לאָזט נישט... „איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש!״...—זאָג איך איהם...

הער קרוגליקאָוו האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט, אַפּנים, פערגעסען צו וועמען און צוליב וואָס ער רעדט, און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצען, האָט ער ווייטער געזאָגט:

—„איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש, בעל-טובה מיינער, זיי נישט ביין! גאָט אין הימעל! סמאָלע, פערשטעהסט, הייסע קאָכיגע סמאָלע וואָלט איך געטרונקען, ווען דאָס וואָלט מיר נאָר אַמאָל פערלייכטערט דאָס געמיט... פערגעסען זאָל איך מיך!..״ סמאָלע!.. גאָט, בורא-עולם! פאַרוואָס האָסטו פערוואָרפען מיין מזל אין אַזאַ גזל׳ניש לאַנד!.. אַ פּוד ברויט קאָסט פיר מיט אַ האַלבּס, אַ פּוד פלייש—אַכט רובעל! נישט קיין עסען, נישט קיין מנוחה!..

—דאָס איז ריכטיג,—האָט איהם מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש אונטערגעהאַלטען,—דאָס לעבען קאָסט דאָ טייער, נישטאָ וואָס צו ריידען.

—עך, ניין, נישט דאָס!—האָט דער קליינינטשקער שריי-בערל פלוצלונג גענומען ריידען מיט גרויס בענקשאַפט, און די-דאָזיגע בענקשאַפט האָט מיט אַ האַרצרייסענדיגער נאָטע זיך דורכ-געריסען דורך זיין קול, זיך אַ ווייז געטאָן אין זיין פּנים און פערענדערט זיין גאַנצע, עטוואָס קאָמישע געשטאַלט.—נישט דאָס... דאָס האַרץ ווערט צוקאָכט אין מיר, די רעיונות מאַכען משוגע...

—האָסט רעיונות?—האָט איהם קרוגליקאָוו איבערגעשלאָגען מיט עפּיס אַ ציטריגער מיטלייד.

—יאָ,—האָט קרוגליקאָוו מרה-שחורה׳דיג זיך מודה-גע-ווען.

—עך,—ברודערל! דו בעדאַרפסט עס... יענץ... אַוועקוואַרפען... דאָס איז שוין, זעהסטו, גאָר שלעכט... אין דער יוגענד האָב איך זיי אויך געהאַט, האָט זיי דער פערשטאָרבענער

טאַטע מיט געוואַלט פעריאָגט אין מיר. שוין נאָך דער חתונה פלעגט נאָך אויך טרעפען אַמאָל, אַז עס פלעגט פלוצלונג נעהמען נאָגען אויף דער נשמה... די וועלט ווערט מאוס פון דידאָזיגע רעיונות... דאָס איז שוין, זעהסטו, גאָר שלעכט...

—וואָס הייסט, דאָס ערגסטע? איהר וועט מיר גלויבען: טיילמאָל כאַפּ איך מיך אויף ביינאַכט און פרוב מיך דערמאָהנען: „וואו ביזטו געבאָהרען געוואָרען, וואַסילי ספּירידאָנאָוו, אין וואָסערע ערטער האָסטו דיין יוגענד פערבראַכט?.. און וואו, אין וואָסערע ערטער לעבסטו היינט?..” הינטער דער וואַנד קנאַקט דער פראָסט, אָדער די זאַווערוכע יאָמערט און אין פענסטער קוקט אַ בלינד שטיק אייז... געהסטו, נישט-ווילענדיג, אַוועק צום שאַנק... גיסטו זיך אָן אַ גלעזעל און טרינקסט...

—לייכטער ווערט?

—אין קאָפּ גיט אַ זעץ, נו, ווערט מען עטוואָס צודולט... די רעיונות צושווימען... אַ נאַסטאָיקע האָב איך... דער שטאַרקסטער בראָנפען... אָבער קיין אמת׳ע פערלייכטערונג זעה איך נישט.

—נו, אָט האָסטו דיר! שוין טאַקי גלייכער נישט צו טרינקען... טו עפּיס בעסער, דאָס וועט דיר אויך, ברודערל, אַ זעץ טאָן אין קאָפּ אַריין, נישט ערגער פון דיין נאַסטאָיקע... אָבער הער-נאָר, וואָס איך וועל דיך פרעגען: פאַרוואָס האָט מען דיך משלח-געוועזן אַהער?

דידאָזיגע פראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרען מיט אַזאַ גראָבער פלעצליכקייט, איז נאָכאַמאָל אַדורכגעגאַנגען איבער קרוגליקאָווס געשטאַלט און נאָכאַמאָל האָט זי זיך געענדערט, פערלירענדיג אין מיינע אויגען די פריהערדיגע שאַטירונג פון חוזק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס אַ פונק שלאָגט זיך דורך פון אונטער אַ לאַנג-פערלאָשענעם, אָבער נאָך אַלץ נישט קיין אָבגעקיהלטען אַש.

ער האָט זיך אַזוי ווי צוזאַמענגעקנייטשט, די אויגען אַראָבגעלאָזט, און דער קול, מיט וועלכען ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם דערלויבען אָנצוגיסען נאָך אַ גלעזעל, האָט שוין געקלונגען פערשטיקטער.

—איהר דערלויבט ?

—זיי זיך מכבד !

האָט ער אָנגעגאָסען, בעקוקט דאָס גלעזעל אויפ׳ן שיין, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַנ׳ענטפער אויף אַ פיינלי־כער פראַגע, נאָכדעם האָט ער עס מיט אַמאָל אַריינגעקעהרט אין זיך און אַ זאָג געטאָן :

—פאַר אַ ליבע...

מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש האָט ממש געגאַפט. איך מוז אָבער זאָגען, אַז הער קרוגליקאָוס דערקלערונג, וואָס איז אַרויסגע־זאָגט געוואָרען אַזוי קורץ אין קאַטעגאָריש, איז געווען אַזוי אונגעריכט, אַז איך האָב איהם אויך אָנגעקוקט מיט גרויס חדוש. קרוגליקאָוו האָט, ווייזט־אויס, אַליין פערשטאַנען, אַז מיט דידאָ־זיגע ווערטער האָט ער געמאַכט אַנ׳אמת׳ע סענסאַציע.

—דו רייד, ברודערל, מיט טאָלק !—האָט מיכאַילאָ איוואַ־נאָוויטש אַ זאָג געטאָן מיט אַ פערדראָסיגער מינע.

—וואָס ווילט איהר, איך זאָג דעם אמת,—האָט קרוגלי־קאָוו געענטפערט,—איך האָב ליב געהאַט אַ מיידעל, האָב איך דע־ריבער צוויי מאָל געפייערט פון אַ פיסטאָלעט אין מיין נאַטשאַל־ניק, אינ׳ם מלוכה־ראַט לאַטקין.

דאָס איז שוין געווען צופיל.

מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש איז שוין גאָר פערשטיינערט גע־וואָרען און האָט געקוקט אויף קרוגליקאָוו׳ן מיט זינלאָזע מוט־נע אויגען.

—פון אַ פיסטאָלעט ?—האָט ער אַ צומישטער אַ פרעג גע־טאָן.—ווי טוט מען עס אַזוי ? זאָגסטו טאַקי דעם אמת : פון אַ פיסטאָלעט ?

—טאַק טאָטשנאָ־ס. פון אַנ׳אמת׳ען פיסטאָלעט.

—געפייערט ?

—צוויי מאָל.

—דאָס איז דאָך עפיס, ברודערל, גאָר... אַ פאָליטישער ענין... טאַקי אַ פאָליטישער...

—נו, וואָס קאָן מען העלפען ! איהר קאָנט אייך קלערען

אינער מיר, וואָס איהר ווילט אַליין... אַ ליבע געווען...

—טאָ דערצעהלט-זשע, וואַסילי ספּירידאָנאָוויטש, ווי אַזוי איז עס געשעהן...—האָב איך געבעטען קרוגליקאָוו׳ן.

יאָ,—האָט אויך קאָפּילענקאָוו געבעטען,—דערצעהל, ברידערל, דערצעהל, נישט׳קשה! פּלאי-פּלאים, בנאמנות!

VII.

הער קרוגליקאָוו האָט אויסגעזופּט דאָס לעצטע ביסעלע טיי, נאָכדעם איבערגעקעהרט דאָס גלאָז, אַרויפגעלעגט אויפ׳ן דעק דאָס שטיקעלע צוקער און אָבגערוקט עס פון זיך. נאָך דידאָזיגע הכנות האָט ער זיך אָנגעגאָסען אַ גלעזעלע משקה און ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן דערויף אויפ׳ן שיין. אין דער-דאָזיגער מינוט האָט מיר זעהר באַנג געטאָן, וואָס איך בין נישט קיין מאָלער און קאָן נישט אויסמאָלען יענע קאָמפּליצירטע שפּירונגען, וואָס האָבען זיך געלאָזט מערקען אויף דעם אָריגינעלען פּנים פונ׳ם אַט-דאַוואַנער סטאַנציע-שרייבער, אין דער בעלייכטונג פון די שמעלצענדיגע חלב׳ענע ליכט. אַ קיילעכיג פּנימ׳ל, אַש-פאַרביגע האָר, זעהר גוט צוגעקעמט פון פאָרענט, ווי אַ מין קאָק, אונטערגעשאָרענע באַקענבאָרדען, ווי קאָטלעטלעך און אַ געראַזירטע גאָמבע. אין די גרויע אויגען, וואָס האָבען אויפמערקזאַם בעטראַכט דאָס גלעזעל אויפ׳ן שיין, האָט מען געקאָנט מערקען, אַז ער שפּירט פאָראויס עפּיס אַ נחת-רוח און אַז ער נעהמט זיך איבער דערמיט, וואָס ער האָט געקאָנט פעראינטע-

רעסירען מענשען מיט זיין דערצעהלונג, אָבער גלייכצייטיג האָ-
בען זיי אויך אויסגעדריקט אויפריכטיגען צער פון אַ צובראָכע-
נעם לעבען און פיינליכע ערינערונגען. ער האָט פערוואָרפען
דעם קאָפּ, אַריינגעהאַקט אין זיך אַ גלעזעל קאָניאַק און אַוועק-
געשטעלט דאָס גלעזעל אויפ'ן טיש. נאָכדעם האָט ער אויסגע-
ווישט די ליפּען מיט אַנ'אויסגעריבען פולאַר-טיכעל און אָנגע-
הויבען דערצעהלען:

—מיינע חשוב'ע הערן, מיין לעבענס-ביאָגראַפיע איז זעהר אַ טרויעריגע... אַ מענש מיט אַ פיהלבאַרען האַרץ וועט דאָ אַלץ פערשטעהן, אָבער אַנדערע וועלען אַודאי לאַכען!.. איבעריגענס, איז עס מיר אַלצאיינס...

אַ ביטערער שמייכעל האָט זיך אויסגעגאָסען אויף זיין פּנים. ער האָט גענומען פּאָזירען, דערנאָך אָבער האָט ער אַ פרעג געטאָן:

—מיינע חשוב'ע הערן, צי האָט זיך עמיץ פון אייך גע-מאַכט צו זיין אין קרוינשטאַדט!

—וואו איז דאָס?—האָט קאָפּילענקאָוו אַ פרעג געטאָן.

—נעבען פּעטערבורג, צוויי שעה רייזע מיט'ן שיף, אַ האַפענשטאָדט.

—איך בין געוועזען אין קרוינשטאַדט,—האָב איך מיך אַרויס-געכאַפּט.

—איהר זענט געוועזען? טאַקי אין קרוינשטאַדט גופא?

קרוגליקאָוו האָט זיך שנעל אויסגעדרעהט צו מיר און די אויגען האָט איהם געגלאַנצט.

—יאָ, געוועזען, און אַפילו געוואוינט דאָרט עטליכע חדשים.

—אַ גרויסאַרטיגע שטאָדט! אַ האַפען און אַ פעסטונג, אַ מורא'דיגער שוצוואַל און אַ פענסטער אין אייראָפּא... אַ גאָלדע-נע שטאָדט. אַ ווינקעלע פון סאַנקט-פּעטערבורג...

—יאָ, אַ פיינע שטאָדט!

—אַך, וואָס הייסט! וואו וועט איהר געפינען נאָך אַזאַ שטאָדט? איז דאָס טאַקי אמת, וואָס אַ פאַרבייפאָהרענדיגער אָפי-ציר האָט מיר דערצעהלט, אַז דער ברוק אויף דער יעקאַטע-

רינע-גאַס איז געמאַכט געוואָרען פון טשוהון?

—אמת.

—עס מוז זיין זעהר שען!.. און דער האַפען און דער פּאַוועל-פּאָרט און דער קאָסטאַנטין-פּאָרט?..

ער איז אַריינגעפאַלען אין עקסטאַז. מיין מחשבה האָט בליצשנעל זיך איבערגעטראָגען פון דער טריבער לענע קיין קרוינשטאַדט, וואו איך האָב, אַלס סטודענט, פערבראַכט עטליכע פרעהליכע חדשים... און, ווי קרוגליקאָוו, בין איך אויך פערזונקען געוואָרען אין זכרונות: עס רוישט אַ ים-כוואַליע און גיסט זיך צוזאַמען מיט דער נעווא-כוואַליע, עס פייפט אַ שיף, אַ לאַנגע דאַמפע הודיעט אונטער די קאָפּיטעס פון די דראָזשקע-פערד, וואָס פיהרען-פונאַנדער דעם עולם פון דער נאָר-וואָס געקומענער שיף; קליינע טראַנספּאָרט-שיפלעך און באַרקעס שמייען-אַרום און אַ רויך ציהט זיך פון דאַמפשיפען... קליינע ווייסע שיפלעך מיט גליין-אויפגעהויבענע און גלייך-אַראָבגעלאָזטע רודערס, ריזיגע פאַנצערשיפען, דער שפּיץ פון אַ דייטשער קירך, גאַסען, דורכגעשניטען מיט דאָקען-קאַנאַלען, וואו עס שטעהען אינמיטען שטאָדט, צווישען די בנינים, אונגעהויערגרויסע ים-שיפען, פונקט ווי וואַלפישען, מיט גראָבע מאַסטבוימער; הויכע מויערן, בולווארען, קאַזאַרמעס, גלאַנץ און לוקסוס פון אַ רעזידענץ-ווינקעלע... און ווידער-אַמאָל—אַ וואַלד פון מאַסטבוימער אין בלויען הימעל, דער סוחר׳ישער האַפען און דער געדויש פונ׳ם צופלוס... אַ בלויע ווייטקייט, גלאַנציגע שוימיגע כוואַליעס און שווערע ריזיגע פאָרטען, וואָס טרעטען-צרויס ווייט אין ים... וואָלקענס, מעוועס מיט ווייסע פליגלען, אַ לייכט שיפעל מיט אַנ׳אָנגעבויגטען זעגעל, אַ שווערע פינישע לייבע, וואָס שניידט די כוואַליעס מיט אַ סקריפען און קרעכצען און אַ רויכעל פון אַ שיף העט וויים, הינטער טאָלבוכינס לייכטטורם, וואָס געהט-אַוועק אינ׳ם בלויען מרחק פון מערב... אין איירָאָפּאַ...

די אילוזיע איז צושטערט געוואָרען דורך אַ נייעם שאָס פון דעם איינגעפראָהרענעם טייך. דער פראָסט האָט זיך,

קענטיג, שטאַרק פערנומען צו נאַכֿט. דער שאָס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך דייטליך געהערט דורך די ווענדטלעך פונ׳ם סטאַנציע-חדר׳ל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ משונה-גרויסער פויגעל פליהט מאוימ׳דיג שנעל איבער׳ן טייך און קרעכֿצט-אָב... דאָס קרעכֿצען וואַקסט און דערנעהנט זיך, טראָגט זיך פאַרביי און שטאַרבט-אָב ערגעץ אין דער ווייטענס מיט אַ שייאַך פאָכֿען פון ריזיגע פליגלען.

קאָפּילענקאָוו האָט זיך נערוועאיש אַ צאַפּעל געטאָן, און ווי עס טרעפט שטענדיג, בשעת מען דערשרעקט זיך, איז ער אָנגעפאַלען אויף קרוגליקאָוו׳ן:

—נו, בכֿן,—האָט ער אונגעדולדיג געזאָגט,—שטאַמסטו פון יענער שטאָדט? האָסטו שוין אָנגעהויבען, טאָ קאַטעווע ווייטער, קוועטש זיך נישט!

—יאָ, פון יענער שטאָדט שטאַם איך!—האָט קרוגליקאָוו שטאָלץ אַרויסגעזאָגט.—אויף דער סאַידאַשנאַיאַ-גאַס האָב איך די וועלט דערזעהן. קענט איהר דידאָזיגע גאַס? מיין פאָטער האָט געהאַט אַנ׳אייגען הויז אויף דערדאָזיגער גאַס. אפשר שטעהט עס נאָך איצט אויך אויף דעם אייגענעם אָרט. און מיין פאָטער, בעדאַרף איך אייך זאָגען, איז געווען פון די האַפען-בעאַמטע, אָבער ער האָט געהאַט אַ גוטע שטעלע און האָט זיך, נאַטירליך, געסטאַרעט, זיין זוהן זאָל אויך נישט פערפאַלען ווערען. איך האָב אַפּילו נישט שטאַרק אַריינגעאַרבייט אין הלכֿות בילדונג, נאָר עטוואָס, ווי מען זאָגט, און איבערהויפּט האָב איך געקוקט אויף דער האַנדשריפט, אָבער אַזוי ווי איך בין געווען אַ פינקטליכער יונגערמאַן, אַ פינקטליכֿער בעאַמטער און נאַטשאַלסטוואָ האָט מיך געשעצט צוליב מיין פאָטער, בין איך געשטאַנען, קאָן מען זאָגען, אויף דער בעסטער ליניע... יאָ, לויט דער התחלה פון מיין קאַריערע, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז איך וועל דערגרייכֿען נישט דאָס, וואָס איך האָב דערגרייכֿט. אַ קלאָרער פריהמאָרגען און אַ טרויעריגער פאַרנאַכֿט...

—זינדיג נישט!—האָט קאָפּילענקאָוו אַרויסגעזאָגט מעשה-רבי.

—נו-ס... האָב איך אייך שוין, מיינע גנעדיגע הערן, געזאָגט, אַז מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַנ'אייגען הויז אויף דער סאַידאַשנאַיאַ-גאַס. אויף דער אייגענער גאַס, קעגענאיבער, עטוואָס אין דער זייט, האָט געוואוינט מיין פּאָטערס אַ חבר, וואָס האָט אויך פּערנומען אַזאַ שטעלע, ווי דער פּאָטער. שפּעטער אָבער האָט ער פּערנומען אַנ'אַנדער שטעלע, וואָס האָט איהם אַריינגעבראַכט נאָכמעהר ריוח.

—וואָס פאַר אַ שטעלע, דהיינו?—האָט מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש נישט אויסגעהאַלטען.

—אין האַפען, ביים רעמאָנט און ביים בויען דעם שיפּענפּלאָט. דער געהאַלט איז אַפּילו געווען נישט קיין היבשער. אָבער די זייטיגע הכנסה איז צו יענער צייט געווען זעהר אַ גרויסע. פון דעם אַליין קאָנט איהר שוין פערשטעהן, אַז זעלטען איז מען געקומען אַהיים נישט אַרומגעגאַרטעלט...

—וואָס הייסט אַרומגעגאַרטעלט?..—האָט קאָפּילענקאָוו נישט פערשטאַנען. ער, וואָס איז געווען אַ גרויסער מבין אויף כל'ערליי מינים זייטיגע הכנסות, איז פשוט נישט בעקאַנט געווען מיט דערדאָזיגער הכנסה-פאָרם.

—דאָס איז, פערשטעהט איהר מיך, אַזאַ מין ענין. אַ שיף פון ים-פלאָט איז נישט דאָס, וואָס אייערע לאָד-שיפלעך. נאַטירליך, די אויסערליכקייט, די פעסטקייט, די וואַנטען, ראַנגויטען און דאָס איבעריגע, ווי אויך די אינערליכע בעאַרבייטונג פאָדערן אַ סך טייערן און דעליקאַטען מאַטעריאַל, מען קאָן אַפּילו זאָגען—קאָמפאָרט... נו-ס, ליגען טאַקי אין די שפּייכלערס גאַנצע בערג מיט ליאָנער סאַמעט, ענגלישען זיידענס און דעסלייכען... איצט שטעלט אייך פאָר, אַז ער בעדאַרף געהן פון האַפען אַהיים. ציהט ער אַראָב פון זיך דעם סורטוק, נעהמט אַ שטיקעל זיידענס, וויקעלט זיך אַרום מיט איהם, טוט-אָן פון אויבען דעם סורטוק און—מאַרש אַהיים. געקומען אַהיים, וויקעלט איהם פונאַנדער דאָס ווייב, ווי אַ קניילכעל—און אין

שטוב בלייבט ליגען אַ שטיק זיידענס!

—נו, אַ גרויסע זאַך!.. אָבער ווי אַזוי בעזוכט מען זיי נישט פאַר'ן אַרויסגעהן?

—וואָס רעדט איהר! די אַרבייטער, נאַטירליך, ווערען בעזוכט ביים טויער, אָבער מיט הערן בעגעהט מען זיך אַנדערש—צו זיי האָט מען צוטרוי.

ניש'קשה, מען קאָן... מען בעדאַרף נאָר זיין קלוג. דעמיעניגען, וואָס ווייס נישט קיין מאָס און איז זעהר גיריג, קאָן מען לייכט פאַקען. דאָס איז דאָך עפּיס קאַזיאָנע געלד!

—זענט אַזוי גוט און דערצעהלט ווייטער,—האָב איך מיך אַריינגעמישט, ווייל איך האָב געזעהן, אַז דאָסמאָל האָט שוין קאָפּילענקאָוו אַראָבגעפיהרט פון דער טעמע.

—נו, געוויס, נישט דאָס איז דער עיקר. אָבער אַז דאָס איז געווען אַזוי, דאָס איז ריכטיג. אין אונזער קרייז, זעהט איהר, איז געווען ווייניג אויפקלערונג און אַ סך ווילדקייט... און טאַקי צוליב דערדאָזיגער ווילדקייט לייד איך איצט. פערשטעהט איהר, מיין פאָטערס חבר האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס איז געווען יונגער פון מיר מיט צוויי יאָהר. אַכטצעהן יאָהר איז זי דעמאָלט אַלט געווען, אָבער אַ שענהייט! און קלוג!.. דער פאָטער האָט זי זעהר ליב געהאַט און ער האָט זי אַפילו געלאָזט לערנען—אַ סטודענט איז איהר לעהרער געווען. זי וויל לערנען—נו, ווי קאָן מען דאָס עפּיס אָבזאָגען אַ קינד, וואָס מען האָט זעהר ליב. האָט זיך אונטערגערוקט אַ סטודענט, אַ מענש אַ קלוגער און אַ געלערנטער, וואָס וויל נישט טייער—נו, לערן!

—בחינם,—האָט קאָפּילענקאָוו אַריינגעשטעלט.—נאַרישקייטען! אַ אשה ברויך עס נישט...

—נו-ס, בין איך געווען איהר חתן, ראַאיסע פאַוולאָוונעס חתן. אונזערע טאַטעס זענען געווען חברים, מיר זענען כמעט ווי צוזאַמען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען, האָבען זיי זיך מישבגעווען, אונזערע טאַטעס און האָבען אונז בעשטימט פאַר חתן-כלה. מיר, ווידער, זענען איינאַנדער געפעלען געווען. פון אָנהויב זענען מיר געווען בלויז חברים, מען האָט געשפּילט צו-

זאַמען און נאָכדעם איז עס שוין אַוועק ערגעץ. פון די עלטערן האָבען מיר קיין מניעה נישט געזעהן, האָבען מיר זיך כסדר געהאַלטען צוזאַמען.

—נו, וואָס, אַריינגעפאַלען אין אַ חטא, מסתמא ?—איז מי־כאַילאָ איוואַנאָוויטש פערלאָפען פאָראויס.

—קיין שום חטא !—האָט קרוגליקאָוו קאַלט אָבגעהאַקט.—דאָס איז אַפילו אין דער מחשבה נישט געווען—ביידע ריינע אונשולדיגע קינדער. ראַיע האָט זעהר ליב געהאַט צו לייענען. פלעגען מיר פערברענגען די צייט ביי אַ בוך. לכתחילה האָבען מיר געלייענט וועגען פערשידענע ריטער און העלדען, אַלץ אַזוינע האַרצרייסענדיגע מעשיות... נאַרישקייטען, נאַטירליך, אָבער עס נעהמט: אַ בראַנדענבורגער גרעפין, אַ ביירישע פרינצעסין, און דער'ביי— אַנ'אַכזר —אַ סעראַסקיר... אַלץ אַזוינע גרויסע לייט און אַלץ וועגען ליבע ווערט געשילדערט, מיט פערשידענע שרעקליכע פאַסירונגען... נו, געוועהנליך, יונגע קעפ!.. איך האָב אַפילו אַ שטעלע, זי האָט אַרבייט אין שטוב, אָבער באַלד, ווי זי פאַרטיגט זיך אָב, לויפט זי תיכף־ומיד צו זיך אין צימער, כאַפט זיך אַרויף מיט די פיס אויפ'ן דיוואַנדעל, פערוויקעלט זיך אין טיכעל און לייענט. פאַרנאַכט אָבער, אַז איך ווער פריי, געהען מיר שפּאַצירען גע־אָרעמט. דער אָרט, וואו מען שפּאַצירט אין קרוינשטאַדט, איז שוין אַ בעוואוסטער: ביי דער פעסטונג. געהען מיר אַהין און קוקען זיך אויפ'ן ים... דערצעהלט זי מיר בעת-מעשה, וואָס זי האָט געלייענט פאַר'ן טאָג, רעדט זי, רעדט זי, און נאָכדעם פער־קלערט זי זיך.

—אַט, וואַסינקע,—זאָגט זי,—וואָס פאַר אַ געליבטע עס זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט... ווען ביי אונז וואָלט עס געווען אַזוי... זאָג, דו וואָלסט געקאָנט בלייבען טריי אין אַ גרויסער נויט ?.. ווען מען זאָל דיך, אַ שטייגער, וועלען חתונה־מאַכען מיט אַ טאָכטער פון אַ שרעקליכען סעראַסקיר!

ענטפער איך איהר:

—בלייבען טריי וואָלט איך אפשר געקאָנט, אָבער צו

וואָס זאָלען מיר עסריידען דערפון? אויב דו ווילסט, קאָנען מיר מאָרגען פועל'ן בײַ אונזערע עלטערן, זיי זאָלען אונז חתונה-מאַכען...

איך לאַך, נאַטירליך. אַלע טאָג גיי איך אין קאַנצעלאַריע, בין איך שוין אַ ביסעל אַן'אויסגעריבענער מענש, אָבער זי איז נאָך גאָר אַ קינד...

—זעהסט,—זאָגט זי,—דאָרט בײַם לייכטטורם לויפט אַ קליין זעגעל-שיפעלע?

—איך זעה,—זאָג איך,—פון אויסלאַנד געהט אַ בריג.

—און טאָמער,—זאָגט זי,—פאָהרט אַ פיראַט אויף דערדאָזיגער שיף, און אָט וועט ער זיך פלוצלונג אַ וואָרף טאָן, די שטאָדט אונטערצינדען, דיר די ברוסט דורכלעכערן מיט אַ שפיז און מיך וועט ער נעהמען אין געפאַנגענשאַפט...

ציטערט זי פון די ווערטער אויפ'ן גאַנצען לייב, טוליעט זיך פון פחד צו מיר, אָבער איך בערוהיג זי:

—וואָס רעדסטו, גאָט איז מיט דיר, דאָס געהט אַ האָלענדישער אָדער אַן'ענגלישער בריג, אָנגעלאָדען מיט סחורה. וועניג ענגלענדער געהען אַרום איצט איבער אונזערע גאַסען. נאַטירליך, ווען עמיץ פון זיי זאָל אַרויס פון די כלים, וועט מען איהם תיכף אַרײַנפּאַקען אין צירקעל.

—יאָ,—זאָגט זי,—בײַ אונז איז טאַקי גאָר אַן'אַנדער לעבען... דער סטודענט דמיטרי אָרעסטאָוויטש, לאַכט טאַקי פון מיר. אָבער מיר, זאָגט זי, איז עפּיס אומעטיג... און זי זיפצט-אָב.

אָבער אָט האָט זיך אונטערגערוקט די צייט—און מען האָט שוין געמעגט אַ טראַכט טאָן פון אונזער חתונה. האָבען די עלטערן אָנגעהויבען ריידען פון נדן. זאָגט איינמאָל דער טאַטע צו איהר פאָטער: „אַז חתונה, איז חתונה, נישטאָ וואָס אָבצולעגען! איך, זאָגט ער, גיב מיינעם זעקסטויזענד, וויפיל גיסטו?“

—און איך,—זאָגט ראַ'יעס פאָטער,—גיב אויך אַזויפיל. וועלען מיר האָבען אַ קימא-לן—צוועלפטויזענד רובל. זיי בעדאַרפען דען מעהר?

—ניין,—רופט זיך אָן מיין פאָטער,—עס געהט נישט. מיין זוהן וועט שטייגען און שטייגען אין דער קאַנצעלאַריע, אָבער דיין טאָכטער וועט שוין פערבלייבען אַזאַ, ווי זי איז איצט, נישט מעהר, זי וועט זיך עלטערן. אַז דו וועסט אַפילו געבען צעהנטויזענד, וועסטו אויך נישט אַריבערכאַפען די מאָס...

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט—און מען האָט זיך צואַמפערט. ראַיעס פאָטער איז אַ מענש אַ הייסער, און מיין טאַטע האָט אַזוי ווי אַ פליג אַ ביס געטאָן: ער האָט זיך איינגעע'עקשנ'ט—און טו איהם עפּיס! קיין איין גראָשען וויל ער נישט אַראָבלאָזען. נו, איז יענער זעהר בייז געוואָרען...

—אויב אַזוי,—זאָגט ער,—אויב דו שאַצט-אָב דיין פיזשיק אויף גאַנצע פירטויזענד רובל מעהר, בעדאַרף מען איבגאַנצען נישט דעם עסק. וועל איך חתונה-מאַכען מיין ראַיעלע'ן מיט אַ געגעראַל, וואָס שטעהט אַ ביסעל העכער פון דיין שפּילפויגעל.

—צוויי עקשנים האָבען זיך אָנגעטראָפען,—האָט זיך קאָפּי-לענקאָוו צולאַכט.

קרוגליקאָוו האָט איהם עפּיס פערוואונדערט אָנגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט נישט דערהערט זיין בעמערקונג, און האָט ווייטער דערצעהלט:

—אָך-כאָ-כאָ! נו, אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבען פון אַ נאַרישקייט. און איך בעדאַרף אייך זאָגען, אַז אונזער נאַטשאַל-ניק האָט טאַקי גענומען וואַרפען אויף ראַיע'ן אַ זיס אויגעלע. געוועז איז ער אַפילו נישט קיין פולער גענעראַל, פונדעסטווע-גען האָבען מיר איהם שטענדיג גערופען „וואַשע פרעוואָסכאָ-דיטעלסטוואָ*). ער אַליין האָט אַזוי בעפוילען: „פאַר פרעמדע, זאָגט ער, קאָן זיין, בין איך נאָך וועניגער פון אַ פּאָלקאָווניק, אָבער פאַר אייך בין איך גאָט און צאַר!"

—און וואָס מיינסטו!.. דאָס איז טאַקי ריכטיג!—האָט קאָ-פּילענקאָוו ווידעראַמאָל אַריינגעשטעלט.—צו גאָט איז הויך, צום

---

*) עקסעלענץ.

צאַר איז ווייט, אָבער ער קאָן דיך שטענדיג פּאַקען... דאָס איז ריכטיג...

—ער איז שוין געווען אַן׳עלטערער מאַן, אַ זקן, אַן׳אַלמן, אָהן קינדער, און, זעהט-נאָר, צו וועמען פון זיין גלייכען ער האָט זיך נישט גע׳שדכנ׳ט, האָבען איהם אַלע אָבגעזאָגט: מאוס ווי דער טויט געווען... נו, איז געפאַלען זיין זיס אייגעלע אויף ראַיע׳ן. זי האָט, נאַטירליך, גאָרנישט געוואוסט, בפרט-נאָך, אַז איך בין געווען איהר חתן. איצט איז עס דאָך שוין אַן׳עבר-זאַך—מעג איך אייך זאָגען אָפען, אַז איך בין געווען אַ שע-נער יונג, אַפילו נישט קיין הויכער, אָבער מיט אַ סימפּאַטיש געזיכט, מיט וועגסעלעך, די האָר מיט פּאָמאַדע בעשמירט און אָנגעטאָן מעשה-פּראַנט... לכתחילה האָט אַפילו איהר פאָטער באַנג געטאָן אויף דער טאָכטער. אָבער וואָס ווייטער, האָט איהם אַלץ מעהר און מעהר פערכאַפּט די עקשנות, האָט ער זיך שרעק-ליך אָנגעצונדען און האָט אַפילו פערזאָגט, אַז מיין פוס זאָל זיך נישט ווייזען צו איהם אין הויז. דעם גענעראַל אָבער האָט ער מחזק-געווען אין דער האָפנונג... אָך! און אָט האָט זיך גענומען ווייזען אויף אונזער סאַידאַשנאַיאַ-גאַס דעם גענעראַלס קאַרעט...

קרוגליקאָווס אויגען זענען פייכט געוואָרען, דער פונק האָט זיך, קענטיג, אַלץ מעהר און מעהר דורכגעשלאָגען פון אונטער׳ן אַש, צום בעדויערן, האָט ער איהם תיכף פער-גאָסען מיט אַ ניי גלעזעל שנאַפּס. די האַנד, וואָס האָט צוגע-טראָגען דאָס גלעזעל, האָט שטאַרק געציטערט, די משקה האָט זיך פערגאָסען און געקאַפּעט אויפ׳ן פיקענעם וועסטעל.

—נו, און שפּעטער האָט מען איהם שוין געזעהן עפּטע-רער. צופוס האָט ער שוין אָנגעהויבען קומען און מתנות האָט ער געטראָגען, און איך האָב מיך שוין אויף דער שוועל נישט געטאָרט ווייזען: טאָמער זיצט דאָרט דער נאַטשאַלניק... פון זינען ריהר איך מיך... געה איך מיר איינמאָל אַזוי פון דער קאַנצעלאַריע פאַרביי יענס הויז, וואו דער סטודענט, דער לעה-רער, האָט געוואוינט. געוואוינט האָט ער אין אַ זייטיג בניני-

דעל און דאָרט האָט ער געשריבען אַ חבור און אויסגעשטאָפּט טויטע חיות, זעה איך אָבער, אַז ער זיצט זיך אויפ׳ן גאַניקעל און זויגט די לולקע. איצט זאָגט מען, אַז ער פערנעהמט אַ הויכען פּאָסטען אין זיין פאַך, אָבער די לולקע לאָזט ער נאָך אַלץ נישט אַרויס פון מויל... די גרויסע געלעהרטע זענען אויס-טערלישע מענשען...

קרוגליקאָוו האָט אַ שמייכעל געטאָן מיט אַ שטיל שמייכעל. ער האָט זיך אויפגעהויבען, גענומען זוכען אין עפּיס אַ שקאַ-טולקעלע און אַרויסבעקומען פון דאָרט אַן׳אַלטען ספר.

—נאַט, גיט אַ קוק,—האָט ער געזאָגט.

איך האָב אַ קוק געטאָן און אויף מיר האָט גענומען וועהען מיט אַלטע פערפלאָסענע צייטען. דאָס בוך איז אַרויס-געגעבען געוואָרען נאָך אין די זעכציגער יאָהרען און דער אינהאַלט—אַ האַלב-ספּעציעלער איבער נאַטורוויסענשאַפט. דאָס גאַנצע בוך האָט זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון יענער געזעלשאַפטליכער שטימונג, בשעת די יונגע נאַטורפאָרשער זע-נען דרייסט אַרויסגעגאַנגען איינצונעהמען אַ וועלט. די וועלט איז אַפילו נישט איינגענומען געוואָרען, אָבער פון אונטער דערדאָזיגער פרישער כוואַליע זענען אויפגעגאַנגען אַ סך שפּראָ-צונגען. דידאָזיגע בעוועגונג האָט אונז, דרך-אַגב, געגעבען גישט וועניג רוהמפולע נעמען. איינער פון דידאָזיגע נעמען—מעג׳יך, נישט פון די ערשטע—איז געשטאַנען אויפ׳ן שער-בלאַט פון דעמדאָזיגען בוך.

—דאָס האָבען זיי, דמיטרי אָרעסטאָוויטש, פערפאַסט,—האָט קרוגליקאָוו געזאָגט, און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פער-וויקעלט דעם ספר אין עפּעס אַ בלאַנק פון דער פּאָסט. ער האָט איהם, אַפנים, אָבגעהיט מיט גרויס חשיבות און שטאָלץ, ווי איינע פון די סאַמע זיסטע ערינערונגען פונ׳ם עבר.

—נו, געה איך מיר אַזוי פאַרביי, הער איך, ווי ער רופט: „עי, הער וועגעציאַן, קומט נאָר אַהער!"

בין איך צוגעגאַנגען, זעה איך, אַז עס רופט עס מיך.. אַ גרויסער לץ געוועזן.

—וואָס פערלאַנגט איהר ?

—וואָס,—פרעגט ער,—איהר האָט שוין אינגאַנצען פערלאָזט אייער בראַנדענבורגער גרעפין ? זי האָט דאָך גרויסע יסורים דערפון.

קוקט ער מיך אָן אַזוי פון קאָפּ ביז די פיס... „און פאַרוואָס טאַקי, זאָגט ער, זאָל זי נישט ליידען צוליב אַזאַ העלדישען ריטער ?"

זעה איך, אַז דאָס איז לצנות. דאָך אָבער איז ער אַ מענש זעהר אַ גוטער. לכתחלה האָט זיך ראַיע זעהר געשראָקען פאַר איהם, מחמת ער האָט שטענדיג גע'חוזק'ט און גע'לצ'עוועט, שפּעטער אָבער האָט זי איהם שטאַרק געליבט. בעליידיג איך מיך אָבער נישט און רוף מיך אָן :

—זאָגט, וואָס זאָל איך טאָן, דמיטרי אָרעסטאָוויטש.

—און איהר,—פרעגט ער,—ווייסט נישט ?

—דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך ווייס נישט.

—נו, ווייס איך אויך נישט... פונדעסטוועגען מוז איך אייך איבערגעבען, אַז ראַאיסע פּאַוולאָוונע וועט היינט אין אָוועגד וואַרטען אויף אייך ביי זיך אין צימער. דער פאָטער וועט נישט זיין, דער גרויזאַמער סעראַסקיר איז קיין טאַמבאָוו אַרויסגעפאָהרען. זענט מיר געזונד.

—גיט אַנ'עצה, דמיטרי אָרעסטאָוויטש, וואָס זאָל איך טאָן ?

—ניין, ניין,—זאָגט ער,—אין דעמדאָזיגען ענין בין איך אַ קנאַפּער בעל-עצה. נאָר ראַאיסע פּאַוולאָוונע'ן האָב איך פונדעסטוועגען געראַטען, זי זאָל אַרויסוואַרפען דורכ'ן פענסטער די אַלע סעראַסקירען און צוזאַמען מיט זיי שוין אויך ווענעציאַנ'ען... הערט זי מיך נישט. אָבער אייך וואָס קאָן איך עצה'ן ?..

איז מיר, דעם אמת געזאָגט, זעהר טרויעריג געוואָרען. „פאַרוואָס, טראַכט איך מיר, זאָל ער אַזוי חוזק'ן איבער מיר ? מיט וואָס בין איך ערגער פון די אַנדערע חתנים. נישט מעהר, וואָס איך בין אַ שלים-מזל : מיין כלה איז געפעלען געוואָרען מיין

נאטשאַלניק. אָבער דאָס איז דאָך נישט מיין חטא." באַלד אָבער האָב איך מיך דערמאָהנט, אַז היינט אין אָוועגד געה איך מיך וועהן מיט ראַיע'ן, איז מיר פרעהליכער געוואָרען.

און אין אָוועגד האָב איך מיך טאַקי אַוועקגעלאָזט צו איהר... האָט זיך מיר ראַאיסע פּאַוולאָוונע אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן האַלז און זיך צעוויינט. קוק איך זי אָן און דערקאָן זי נישט. די אייגענע—און נישט די אייגענע. בלאַס איז זי געוואָרען, אָבגעצעהרט, די אויגען גרויסע און קוקען עפּיס נישט אַזוי ווי אַלעמאָל. אָבער שען איז זי—נישט איבערצוגעבען מיט ווערטער. האָט מיר אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ. נישט מיין ראַיעלע איז דאָס, נאָר אַן'אַנדערע. אָבער זי נעהמט מיך אַרום און זאָגט: „וואַסיע, מיין לי...בער, מיין בע...געהר...טער... זאָגט זי, איז געקומען, נישט פער...גע...סען... זאָגט זי..."

פּלוצלונג זענען קרוגליקאָווס אויגען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און ספּאַזמעס האָבען איהם גענומען שטיקען דעם האַלז. האָט ער זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום וואַנד און איז דאָרט אַ לענגערע צייט געשטאַנען מיט'ן פּנים צו עפּיס אַ פּאָסט-מעלדונג.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש'ן און האָב פשוט געשטיינט: די אַזוי אויך צוגאָסענע שטריכען פון דעמדאָזיגען נישט זעהר סענטימענטאַלען מענשען זענען איצט גאָר צושוואומען געוואָרען, עפּיס שיטער אַראָבגעהאָנגען און די אויגען האָבען שטאַרק געפינטעלט.

—נו,—האָט ער אַרויסגעזאָגט זעהר געריהרט,-כלעבען, אַ האַרצרייסענדיגע געשיכטע!.. נו, נעבעכל מיינס, האַק-אַריין אַ כוסה... פערפאַלען, ברודערל. אַ גיהנם איז אונזער לעבען...

אַ פערשעמטער, איז קרוגליקאָוו צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעגאָסען אַ גלעזעל, אַריינגעקעהרט און אויסגעווישט דאָס געזיכט מיט'ן פולאַר-טיכעל.

—זענט מוחל, מיינע חשוב'ע הערן—איך קאָן נישט...

צום לעצטען מאָל האָב איך דעמאָלט אַרומגענומען מיין ראַיעלע'ן. פון רעמאָלט-אָן האָט זי שוין פאַר מיר געהייסען ראַאיסע

פּאַוולאָיונע, מיט'ן האַנד נישט צו דערלאַנגען... בלויז אַנ'ערינערונג און אַ הייליגקייט... נישט ווערט בין איך איהר...

—נו, נו,—האָט זיך קאָפּילענקאָוו בעשיצט פאַר אַ נייעם געפיהל-אויסברוך.—דו, ברודערל, פאָהר ווייטער ווי-עס-איז, דערצעהל ווייטער... מילא, וואָס איז זיך דאָ צו קוועטשען...

—זענען מיר אַזוי געזעסען דעם גאַנצען אָווענד, און ראַאיסע פּאַוולאָוונע איז אַפילו פרעהליכער געוואָרען.

—גענוג,—זאָגט זי,—וואָס פאַר אַ לויה האָבען מיר דאָ געמאַכט. ניש'קשה, פאַל נאָר נישט אַראָב פון מוט, וואַסינקע! אונזער צייט איז, אַפנים, געקומען. געדענקסטו, זאָגט זי, וואָס מיר האָבען גערעדט ביי דער פעסטונג? אָט איז אַרויסגעקומען אַזוי ווי איך האָב געזאָגט: דער אַכזריות'דיגער סעראַסקיר איז דאָך טאַקי נישט קיין אַנדערער, נאָר לאַטקין אַליין...

און זי האָט זיך צולאַכט, און איך נאָך איהר... עפטער פּילעגט שוין אַזוי געשעהן מיט אונז: ווי אַ זונעלע פון אונטער אַ כמאַרע הויבט זי אַן אַרויסצולייכטען, נו, און איך אויף איהר קוקענדיג...

—זעה, וואַסינקע,—זאָגט זי, זיי שטאַרק ביי זיך. מיר וועלען זיי ווייזען, וואָס פאַר אַ ליבע מיר פיהרען... דו גיב זיך נאָר נישט אונטער, און איך וועל מיך אַודאי נישט אונטערגעבען. זעה-נאָר, וואָס איך האָב נישט לאַנג געקויפט...

און זי נעהמט-אַרויס פון קאָמאָד אַ פּיסטאָלעט. דאָס איז אַפילו אַ קליין זאַכעלע, אָבער דאָס קאָן שיטען נישט אויף געלעכטער. האָר און נעגעל האָבען מיר זיך אַפילו געשטעלט... אָבער פאַר'ן אַוועקגעהן האָב איך גענומען דעם פּיסטאָלעט פון איהר טיש און פּאַוואָליע אַריינגעלעגט איהם אין מאַנטעל—אין אַ זייטיגער קעשענע... דאָרט האָב איך איהם בעהאַלטען... בעהאַלטען און פערגעסען, און זי האָט זיך אויך נישט געכאַפּט... אויף מאָרגען געה איך צום פאָטער. ביים טיש איז ער געזעסען און געמאַכט צייכענונגען—אַ נייע שיף האָט מען געקויפט... דערזעהן מיך, קעהרט ער זיך אָב, קאָן אין די אויגען נישט קוקען... עך! פערשטאַנען האָט ער, אַז ער מאַכט אומגליקליך

דעם זוהן צוליב זיין גאַוה... אָבער מסתמא איז שוין אַזוי בע־שערט געווען...

—וואָס פערלאַנגסטו?—פרעגט ער.

פאַל איך איהם מסתמא צו די פיס. וויל ער אָבער נישט הערען און געדענקען אַפילו. הויב איך מיך אויף און רוף מיך אָן:

—אויב אַזוי, בין איך שוין נישט קיין יונגעלע, וועל איך חתונה האָבען אָהן נדן...

אָבער מיין פאָטער, בעדאַרף איך אייך זאָגען, איז געווען אַ מענש אַ קאַלטבלוטיגער. אַ קורצען האַלז האָט ער געהאַט, און די דאָקטורים האָבען געזאָגט, אַז פון אַ בלוט-אויפרעגונג קאָן ער אַוועקשטאַרבען. פלעגט ער זיך דעריבער קיינמאָל נישט קאָכען, נישט שרייען. דאָס פנים פלעגט איהם נאָר אָנגעגאָסען ווערען מיט בלוט, אָבער דער קויל פלעגט זיך גאָר נישט ענדערן.

—הער-נאָר, וואַסקע, וואָס איך וועל דיר זאָגען—אַ נאַר ביזטו, כלעבען, אַ נאַר... דו רעדסט בלויז, זאָגן אָבער ווייסטו גאָרנישט... איך אָבער, זעהסטו, איך, אַז איך זאָג עפּיס אַרויס, ווערט עס שוין מוזען מקוים-ווערען... זאָלסטו דיר געדענקען, אַז איך קאָן דיך אָבשמייסען, ווי אַ חדר-יונגעל, כאָטש דו ביזט שוין אַ דערוואַקסענער...

—איהר קאָנט עס נישט טאָן,—זאָג איך,—וואָרום איך בין אַ טשינאָווניק.

—גלויבסטו נישט? זעהר פיין.

עפענט ער דאָס פענסטער און גיט אַ וואונק מיט'ן פינגער... און ביי אונז אין הויף—אין אַ פליגעלע—האָבען געוואוינט צוויי ברידער, געוועזענע באָמבאַרדירען, אַזוינע אייזענפעסטע אויסוואורפען מיט אַרשיניגע וואָנסען און רויטע מאָרדעס. שוסטערס זענען זיי געווען: האָט מען אַ לאַטקעלע געלעגט, אַ פּאָדעשווע צוגעשלאָגען, אַמאָל אַ ניי פּאָרל אויפגענייהט, דער עיקר אָבער איז מען געווען אַריינגעטאָן אין שכרות... קומען זיי אריין אין שטוב, שטעלען זיך אַוועק ביי דער שוועל און

בעוועגען מיט די וואָנסען, ווי טאַראַקאַנעס : אפשר וועט זיי דאָ עפּיס צופאַלען ?..טראַגט ער זיי אונטער, דער פאָטער, צו גלעזעלעך משקה...

—באָמבאַרדירען,—זאָגט ער,—מאַכט קודם אַ התחלה מיט אַ שנעפּסעל. אָבער גיט נאָר אַ קוק-אָן דעמדאָזיגען שפּילפויגעל. צי קאָנט איהר איהם נישט אַריינצימבלען, ווי עס געהער צו זיין?..

גיט אַ קוק דער יונגערער באָמבאַרדיר אויפ'ן עלטערן, און יענער זאָגט:

—אַזאַ זאַך קאָן מען שטענדיג... אַז אַ טאַטע דערלויבט, מעג מען...

—נו, זאָלט איהר זשע געדענקען וויבאַלד איך וועל אייך נאָר געבען אַ צייכען, זאָלט איהר איהם תיכף ומיד נעהמען אויפ'ן בוקסיר, אַוועקלעגען אויפ'ן דרייף און גוט אָנלאָדען פון דער הינטערשטער זייט... נו, איצט געהט אייך אַלע דריי ?

קום איך נאָכדעם אין דער קאַנצעלאַריע, זאָגט מען מיר, אַז דער נאַטשאַלניק רופט מיך. געה איך אַריין, זעה איך, ווי ער זיצט אַליין אין קאַבינעט, קוקט מיך אָן אַזוי קרומליך, צימבעלט מיט די פינגער איבער'ן טיש און שווייגט. נאָכדעם דרעהט ער זיך אויס, גיט מיך אַ רוף מיט אַ פינגער און קוקט מיך אָן אויף דאָסניי.

—וואָס,—זאָגט ער,—איהר חלומ'ט גאָר ?..

—ווי אַזוי, — זאָג איך, — וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, איך דין זעהר פלייסיג און חלום גאָרנישט... וועל איך גאָר האָבען די העזה...

—ניין,—זאָגט ער,—איך בין גאָרנישט קיין פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ... איהר שטערט זיך נישט, יונגערמאַן. היינט, זאָגט ער, איז דאָס אין מאָדע. אַזוינע צייטען אָנגעשטאַנען, אַז נאַטשאַלסטוואָ הערט מען גאָרנישט. איהר האָט, דאַכט זיך, בדעה חתונה-צו-האָבען ?

—דאָס איז,—זאָג איך,—וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ אַ גאַנץ געזעצליכע זאַך ביי מיין עלטער און ביי דער דערלויבניש פון נאַטשאַלסטוואָ.

—יאָ, יאָ... אָבער מיט וועמען אייגענטליך ווילט איהר חתונה-האָבען ?..

דאָ האָב איך מיר פערהאַקט. האָט ער מיר אַ גראָזיע געטאָן מיט׳ן פינגער און רופט זיך אָן :

—זעהסט,—זאָגט ער,—קרוגליקאָוו, האָסט זיך פערהאַקט, מסתמא איז דיין געוויסען קעגען נאַטשאַלסטוואָ נישט ריין... נו, זאָגט ער, וואַרף-אַרויס פון קאָפּ, פערגעס דאָס מיידעל: האָסט נישט וואָס צו טראַכטען פון איהר, וואָרום עס איז פאַרהאַן אַ בעסערער חתן פאַר דיר. קאָנסט דיר געהן!

געה איך אַרויס פון קאַבינעט און טרעהרען פאַלען מיר פון די אויגען. אַפילו אין דער קאַנצעלאַריע חדוש׳ט מען זיך. מסתמא, זאָגט מען, האט ער געמאַכט אַ פלאָנטער אין די פאַפירען. אָבער וואָסערע פאַפירען—פינסטער איז מיר מיין וועלט! קום איך אין קאַנצעלאַריע—האָב איך דעם נאַטשאַלניק, קום איך אַהיים—לויפען-אַרויס די באָמבאַרדירען און קוקען צום פאָטער אין פענסטער, צי איז נישטאָ עפּיס אַ צייכען... די וועלט איז מיר פינסטער, און וואָס צו טאָן, ווייס איך אויך נישט, ווייל איך זעה נישט קיין אויסגאַנג... די כוחות פערליר איך... דער פאָטער האָט עס שוין אויך בעמערקט, און האָט אַפילו אָנגעזאָגט די באָמבאַרדירען, זיי זאָלען מיך לאָזען צורוה. איינמאָל זענען זיי אַרויסגעלאָפען לויט זיינעם אַ צייכען, האָב איך אָנגעהויבען ציטערן אויפ׳ן גאַנצען לייב, אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און אויף די ליפען האָט זיך בעוויזען אַ שוים. נו, האָט ער איינגעזעהן, אַז ער האָט מיך קראַנק געמאַכט מיט זיין רשעות, האָט ער זיי געהייסען, זיי זאָלען מיך אָבלאָזען און האָט זיך אָנגעהויבען בעגעהן מיט מיר פאָרזיכטיגער. אָבער די גאַווה האָט ער נאָך אַלץ נישט פערלאָרען. אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל ער האָבען!.. כל-זמן ער האָט געלעבט, האָט ער מיך נישט פערגעסען. דריי מאָל אַ יאָהר פלעגט ער מיר שרייבען און געלד פלעגט ער מיר שיקען. פאַר׳ן טויט האָט ער מיר צוגעשיקט אַ בריף : „זוהן מיינער, וועסטו מיר מוחל-זיין דערפאַר, וואָס איך האָב דיך אומגליקליך געמאַכט ?..” גאָט וועט איהם געווען פער-

געבען. מיך אָבער, מיך האָט קיינער נישט מוחל־געווען...

—נו ?—האָט קאָפּילענקאָוו איבערגעריסען דאָס שווערע שטילשווייגען, וואָס האָט איבעריגענס, לאַנג נישט געדויערט, און קרוגליקאָוו האָט ווייטער דערצעהלט:

—מיין שונא האָט געזעהן, אַז איך בין אָבגעשוואַכט געוואָרען, האָט ער זיך נאָכמעהר אָנגעזעצט אויף מיר. אין אַ וואָך אַרום אָדער עטוואָס מעהר, רופט מען מיך ווידעראַמאָל צום נאַטשאַלניק. בעגעגענט ער מיך מיט אַנ׳ערנסטער מינע,

—טו זיך אָן. געדענק,—זאָגט ער,—קרוגליקאָוו, אַז מיינע בעאַמטע בעדאַרפען מיר זיין זעהר געטריי... און ווער עס איז מיר, זאָגט ער, נישט געטריי, דער קאָן דאָ נישט דינען...

—נו, געוויס אַזוי!—האָט זיך קאָפּילענקאָוו, אָנגעכאַפּט. אָבער קרוגליקאָוו האָט ווידעראַמאָל אַדורכגעלאָזט דיזאָזיגע בעמערקונג און ווייטער דערצעהלט:

—נו, האָבען מיר זיך איינגעזעצט... איינגעזעצט און אַוועקגעפאָהרען... און וואוהין מיר פאָהרען, וייס איך נישט און עס פאַלט מיר גאָרנישט איין... אויף דער סאַידאַשנאַיאַ־גאַס פאָהרען מיר... צו ראַאיסע פּאַוולאָוונ׳ען...

—צו וואָס ?—האָט זיך מיר אונגערן אַרויסגעריסען.

קרוגליקאָוו האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ מינע, און וועלכער עס איז געלעגען טרויער מיט גאוה צוזאַמען.

—אַלס אונטערפיהרער,—האָט ער געענטפערט נישט אָהן שטאָלץ.

—איין גאָט וויס, וואָס איהר ברייעט אונז דאָ, וואַסילי ספּירידאָנאָוויטש.

—ניין, נישט גאָט וויס, נאָר דעם ריינעם אמת... ווייל דאָס איז געווען דער רצון פון ראַאיסע פּאַוולאָוונען... „אויב איהר זאָגט, מאַכט זי, אַז ער איז אַוועק פון מיר, טאָ ברענגט איהר אַהער, זאָל ער זיין אַנ׳אונטערפיהרער...״

—נו אַ מיידעלע אַ ביסעל... אַנ׳אמת׳ער שד...—האָט קאָפּילענקאָוו ווידעראַמאָל נישט אויסגעהאַלטען.

—און איהר זענט טאַקי געגאַנגען?—האָב איך איהם אַ

פרעג געטאָן מיט אַנ׳אונגערנדיגען פּאָרוואורף-טאָן.

—יאָ, דער נאַטשאַלניק האָט דאָך מיך אַוועקגעפיהרט...—האָט ער געענטפערט, אַ פערשעמטער און באַלד דערויף זיך האַסטיג אויסגעדרעהט צו קאָפּילענקאָוו׳ן.

—און איהר, מיין גנעדיגער הער, קאָנט גאָרנישט פערשטעהן! בעמערקונגען מאַכט איהר, אָבער מיט׳ן האַרץ פערשטעהט איהר גאָרנישט...

—נו, עס איז מיר טאַקי זעהר געלעגען דיך צו פערשטעהן,—האָט דער מבולבל׳ער סוחר אָבגעשלאָגען די אונגעריכטע אַטאַקע.

—אָבער שווייגט?—האָט קרוגליקאָוו אָבגעהאַקט מיט עפּיס אַ הייזעריגען קול און זיך ווידעראַמאָל אויסגעדרעהט צו מיר.—יאָ, מיין ליבער הער, ווי איהר האָט ריכטיג בעוויליגט צו בעמערקען, בין איך אַוועקגעפאָהרען... פּאָיע-כאַל-ס... נאָכדעם האָט מען מיך אויך געפיהרט איבערצולייענען מיר דעם פסק-דין פון געריכט... עפענטליכע בעשטראָפונג ווערט עס אָנגערופען... אויף אַ פרייען פּלאַץ... דאָך איז מיר דעמאָלט לייכטער געווען... גלויבט מיר—לייכטער געווען... מיט׳ן נאַטשאַלניק בין איך דאָך געפאָהרען... מענשען האָבען געזעהען, ווי מיר זענען אַרויס פון דער קאַרעט אויף דער סאַידאַשנאַיאַ-גאַס. ביין און טריב האָט אויסגעזעהן דער גענעראַל און איך בין געווען עהנליך צו אַ מת... יאָ!.. און דאָך בין איך געפאָהרען, מיין גנעדיגער הער! איהר קאָנט אייך טראַכטען, וואָס איהר ווילט, אָבער איך בין געפאָהרען... מילא, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן!.. קומען מיר אַריין אין פּאָרצימער, געהט אונז דוקא אַרויס אַנטקעגען דמיטרי אָרעסטאָוויטש, דער סטודענט. שטעלט ער זיך צו, קוקט מיך אַזוי אָן און טוט אַ זאָג: „איך האָב עס נאָך פריהער פערשטאַנען. אַ פיינער פרינץ פון ווענעדיג, נישטאָ וואָס צו ריידען! און דער אַכזר—דער סעראַסקיר איז אויך דאָ...” דאָס מיינט ער שוין דעם גענעראַל.

קרוגלוקאָוו האָט אָבגעזיפצט און אַ שמייכעל געטאָן.

—אַ דרייסטער מענש געווען, נישט געוואוסט פון שרעק.

דער גענעראַל איז אַפילו געל און גרין געוואָרען און מאַכט צו איהם: „יונגערמאַן, איך בין אייך נישט קיין סעראַסקיר. אַ מלוכה-ראַטמאַן פון מיין צאַר בין איך און גישט קיין סעראַס-קיר. איך בעט אייך, איהר זאָלט עס אַריינגעהמען אין קאָפּ אַריין!..” האָט דמיטרי אָרעסטאָוויטש אַ פיהר געטאָן אַזוי מיט'ן אַקסעל און געזאָגט: „אומזיסט בעאונרוהיגט איהר אייך—דאָס מוז איך אייך זאָגען.” און איז אַרויסגעגאַנגען, און דער גענע-ראַל דרעהט זיך אום צו מיר און רופט זיך אָן: „דו זאָלסט עס מיר געדענקען, מאַכט ער, איך וועל דיר עס קיינמאָל נישט פערגעסען... קיינמאָל נישט...” אָט ווי דער אמת זעהט-אויס אויף דער וועלט. אַ סטודענט האָט אַריינגעהאַקט עטליכע האַר-בע ווערטער און קרוגליקאָוו איז שולדיג...

נאָכדעם זענען מיר פונדעסטוועגען אַדורכגעגאַנגען דעם גאַסטצימער און אַריין צו ראַאיסע פּאַוולאָוונ'ען... זיצט זי דאָרט, מיין ראַיע, דעם גענעראַלס כלה, די אויגען פער-וויינטע, גרויסע און זיי קוקען אַזוי גלייך אויף מיר... לאָז איך אַראָב מיינע אויגען... שוין-זשע, טראַכט איך, איז עס זי, מיין ראַיעלע! ניין, דאָס איז נישט זי... שטעה איך אַלץ ביי דער שוועל און דער גענעראַל געהט דערווייל צו צו איהר הענדטעלע... „אָט, זאָגט ער, מיין בת-מלכה, האָט איהר גע-צווייפעלט, אָבער זעהט איהר, ער איז געקומען...”

הויבט זי זיך אויף, לעהנט-אָן די האַנד אויפ'ן טיש און קוקט מיך אָן, פונקט ווי זי וואָלט מיך וועלען דערקענען. דרעהט זיך דער גענעראַל אויך אויס און ביידע קוקען אויף מיר. אָבער איך שטעה אין ריאַעס צימער, ביי דער שוועל... „וואַ-סינקע!”—האָט זי, קענטיג, געוואָלט זאָגען, אָבער באַלד דע-רויף האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קושעטקע און זיך צולאַכט...

—זאָגט מיר,—רופט זי זיך אָן צום גענעראַל,—קאָנט איהר איהם אפשר בעשטימען פאַר אייערן אַ לאַקיי?—האָט זיך דער גענעראַל דערפרעהט. „איך קאָן,—זאָגט ער,—אויב איהר, מיין בת-מלכה, וועט עס נאָר בעגעהרן...”

נו,—זאָגט זי,—נעהמט איהם פאַר אַ לאַקיי, אָבער מיט דער פּענסיע,—זאָגט זי,—זאָלט איהר איהם נישט בּעליידיגען...

קרוגליקאָוו׳ן האָט עפּיס פּלוצלונג גענומען שטיקען אין האַלז, האָט ער אַראָבּגעלאָזט דעם קאָפּ און פערבּאָרגען פון אונז דאָס געזיכט, און אין צימער איז געוואָרען טויט-שטיל. אַפילו קאָפּילענקאָוו האָט גענומען קוקען אויפ׳ן שרייבּער מיט בּרייט-אָפענע, שטאַרק פער׳חדוש׳טע אויגען, און האָט זיך נישט דערוועגט צו שטערען די שטילקייט, וואָס איז אָנגעפילט געוואָרען מיט עפּיס אַ שווערען בּעוואוסטזיין פון טיפער מענשליכער דערנידערונג...

צולעצט, האָט קרוגליקאָוו איבּערגעכאַפּט דעם אָטעם און אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט עפּיס אַ בּלייאיגען שטאַרען בּליק:

—אָט דאָ טאַקי—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ הפסקה,—אָט דאָ טאַקי, איז אין דער מינוט עפּיס געשעהן מיט מיר, פּונקט ווי איך וואָלט פון שלאָף אויפגעשטאַנען. קוק איך מיך אַרום, זעה איך: אַ בּעקאַנט צימער, וואו איך וואָלט נאָרוואָס געזעסען מיט ראַיעלע׳ן און פערבּראַכט אַנ׳אָוונד... אויף דער קושעטקע זיצט מיין ראַיעלע, דאָס פּנים מיט די הענד פערדעקט, נעבּען איהר דרעהט זיך אַרום דער גענעראַל און דערבּיי שטעהט אַנ׳אויפגעדעקט טישעלע... און פּלוצלונג איז מיר געקומען אויפ׳ן זכּרון, אַז איך האָב פון דעמדאָזיגען טישעל אַרויסגענומען די פּיסטאָלעט... אָבּער איך האָב איהם דאָך דאָ, טראַכט איך [illegible] אין קעשענע, אין מאַנטעל ליגט ער... האָב איך מיך פּאַוואָליע אויסגעדרעהט און אַרויס אין פּאָרצימער. נו, ליגט דאָס פּיסטאָלעטל אין דער זייטיגער קעשענע, פּונקט ווי עס וואָלט אָבּגעוואַרט דעם נויטיגען מאָמענט. האָב איך עס אַרויסגענומען און האָב מיך אַפילו, געדענק איך, צולאַכט...

נאָכדעם בּין איך צוריק אַוועק, אָבּער איך אייל מיך און טראַכט בּעת-מעשה, אַז דער גענעראַל זאָל זיך נאָר נישט אויסדרעהען מיט׳ן פּנים צו דער טיר... און ווען ער דרעהט זיך אויס, אַ שטייגער, וואָלט, דאַכט זיך, גאָרנישט געשעהן,

אָבער ראַאיסע פאַוולאָוונע זיצט אויפ'ן אייגענעם אָרט און וויינט. דאָס פנים פערשטעלט מיט די הענד, און דער גענעראַל וויל איהר אַוועקנעהמען די האַנד פון געזיכֿט. געה איך אַריין, דעקט זי אויף דאָס געזיכֿט, קוקט מיך אָן און ווערט אַזוי ווי פערשטיינערט... און איך... צוויי טריט האָב איך געמאַכֿט... ער זאָל זיך אָבער נישט אויסדרעהען צו מיר מיט'ן פנים, טראַכֿט איך... און—טראַך-טראַך אין איהם... פון הינטען...

—דער'הרג'עט!—האָט זיך קאָפילענקאָוו אַ כֿאַפ געטאָן אין גרויס שרעק.

—ניין, נישט דער'הרג'עט,—האָט קרוגליקאָוו געענטפערט מיט אַ טאָן פון פערלייכֿטערונג, פונקט ווי די גאַנצע דערצעהלונג וואָלט געלעגען אויף איהם, ווי אַ שווערע משא.—גאָט האָט זיך דערבאַרימט איבער מיר און דער פיסטאָלעט האָט שוואַך געשאָסען... אַגב זענען די קוילען אַריינגעפאַלען אין די ווייכֿע ערטער פון קערפער... דער גענעראַל איז, נאַטירליך, אַנידערגעפאַלען מיט גרויסע געשרייען און געוואַלדען און זיך גענומען צאַפלען אויף דער פאָדלאָגע... ראַאיסע האָט זיך אַפילו געוואָרפען צו איהם. אָבער אַז זי האָט דערזעהן, אַז ער לעבט און איז בלויז פערוואונדעט, האָט זי זיך אָבגערוקט פון איהם... האָט זי געוואָלט צו מיר צוגעהן... „וואַסינקע, מיין אָרימער וואַסינקע—זאָגט זי—וואָס האָסטו געטאָן...” אָבער זי האָט זיך אויך פון מיר אַוועקגערוקט... אויפ'ן שטול האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן און זיך צעוויינט...

—גאָט אין הימעל,—מורמעלט זי צו זיך,—פון הינטען געשאָסען... זיך אונטערגע'גנב'עט... וואָס פאַר אַ מין געמיינהייט...

און זי וויינט און לאַכֿט, לאַכֿט און וויינט... אין היסטעריק אַריינגעפאַלען... נו, און דאָ זענען זיך מענשען צונויפגעלאָפען... דאָס ווייטערדיגע איז שוין בעקאַנט... אַרעסטירט האָט מען מיך.

—נו, לאָמיר נעהמען אַ ביסעלע משקה!—האָט קאָפילענקאָוו געזאָגט.—אַלץ שוין דערצעהלט? אַ שרעקליכע מעשה!

אַך, די ברודערל מיינס! בלעבען, הפקר-יונגען זענט איהר. הפקר-יונגען! ווי אַזוי קאָנט איהר עס גאָר...

—דאָס אַלטע גערייכט האָט מיך גע׳משפט, אָהן בענגעדיגונג. היינטיגע צייטען וואָלט מען אפשר גענומען אין אַכט מ נע יסורים... אַ מענש אַנ׳אויסגעפייניגטער... אָבער דעמאָלט איז יעדער חטא געווען אַ חטא. מען האָט מיך פערשיקט. אין איין יאָהר איז דער פאָטער אַלט געוואָרען אויף גאַנצע צעהן יאָהר. ער האָט פערלאָרען די שטעלע, דאָס געזונד און איך געה דאָ פערפאַלען.

—און ראַאיסע פאַוולאָוונע?

קרוגליקאָוו האָט זיך אויפגעהויבען, אַריין צו זיך אין חדר׳ל, אַראָבגענומען דאָרט פון דער וואַנד עפּיס אַ בילד מיט אַנ׳אויסטערלישען רעהמעל, וואָס איז קענטיג מיט גרויס מיה געמאַכט געוואָרען דורך עפּיס אַ געשיקטען קאָלאָניסט, און אַריינגעטראָגען צו אונז. אויפ׳ן בילד, וואָס איז שוין אַ היבש ביסעל אָבגעבליאַקירט געוואָרען פון דער צייט, האָב איך דערזעהן אַ גרופּע: אַ שענע יונגע פרוי, אַ מאַן מיט שאַרפע כאַראַקטעריסטישע געזיכטסשטריכען און צוויי קינדער.

—שוין-זשע איז עס ראַאיסע פאַוולאָוונע?..

—זיי טאַקי,—האָט קרוגליקאָוו אַרויסגעזאָגט מיט גרויס דרך-ארץ,—ראַאיסע פאַוולאָוונע... און דאָס איז זייער מאַן—דמיטרי אָרעסטאָוויטש... זיי פערגעסען מיך נישט. צו ניי-יאָהר וואַרט איך אויף אַ בריף. און אויך דאָס בילד האָבען זיי מיר צוגעשיקט אויף מיין הכנעה׳דיגער בקשה... און מיט געלד שטיצען זיי מיר אמאָל אויך...

גערעדט האָט ער מיט גרויס אָבשיי, פונקט ווי דאָס וואָלט נישט געווען יענע ראַיע, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל צוזאַמען געלייענט וועגען ריטער און פרינצען. אָבער בשעת ער האָט אָנגעוויזען אויף דאָס עלטערע מיידעלע, אַ דין העלהאָריג מיידעלע מיט גרויסע פער׳חלומ׳טע אויגען, האָט זיין קול עטוואָס אַ ציטער געטאָן.

—עהנליך... ראַאיסע פאַוולאָוונע האָט אַזוי אויסגעזעהן,

בשעת זי איז געווען אַ מיידעלע... ענליך ווי צוויי טראָפּן וואַסער...

ער האָט שנעל געכאַפּט דאָס בילד, צו וועלכן קאָפּילענקאָוו האָט אויך אויסגעצויגן די האַנט און אַוועקגעטראָגן און זיין חדר׳ל. דאָרט איז ער לאַנג געשטאַנען ביי דער וואַנט, ווי ער איז פריהער געשטאַנען ביי דער פּאָסט-מעלדונג.

דאָס גאַנצע פיגורל זיינס מיט׳ן קורצעקיגען פּידזשאַקל האָט נערוועזיש אויפגעציטערט.

VIII.

נאָכדעם האָט מען שוין עפּיס נישט געקאָנט מעהר שמועסען. דער שומר האָט געבראַכט האָלץ און אין דער יורטע פאַר די אָנטרייבער האָט מען דעם גרויסען אויוען איינגעצונדען פערלעגט מיט האָלץ, מחמת דער אויוען ווערט געהייצט אַ גאַנצע נאַכט. דאָס פייער האָט געקנאַקט, און אין דער אָפענער טיר האָבען זיך ביים פייער געזעהן די פיגורען פון די אָנטרייבער, וואָס זענען געלעגען אויף די בענק אַרום אויוען.

אַט־דאַוואַן האָט זיך איינגערוהיגט אויף דער נאַכט.

קרוגליקאָוו האָט אונז אָבגעגעבען דאָס שכנ׳ישע צימערל, וואו קאָפּילענקאָוו איז תיכף איינגעשלאָפען. דעם סטאַנציע-הדר האָט קיינער נישט פערנומען.

—פאַר אַראַבינ׳ען?—האָב איך געפרעגט.

—יאָ,—האָט קרוגליקאָוו געענטפערט מיט עפּיס אַ בעזונדער בייזקייט.

די פרוי וואָס האָט אונז בעדינט, איז שוין, אַפּנים, לאַנג

געשלאָפען, און קרוגליקאָוו אַליין האָט זיך אַרומגעפּאָרעט: ער האָט אַריינגעלעגט אין סאַמאָוואַר שטיקלעך אייז, אָנגעוואָרפען קויהלען און אַוועקגעשטעלט איהם ביים אויוועז. נאָכדעם האָט ער צוגערוימט דעם טיש, אָבער בשעת ער האָט אַראָבגענומען די פלאַשען, האָט ער דאָך נישט פערגעסען אויסצוטרינקען נאָך אַ גלעזעל פון עפּיס אַ משקה. ער איז געוואָרען אַלץ טריבער און טריבער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שלאָף האָט גאָר קיין שליטה נישט איבער איהם.

צולעצט, איז אין אַט-דאַוואַן אַלץ איינגעשטילט געוואָרען. טיילמאָל בלויז פלעגט אין דרויסען אַ קנאַק טאָן דער פראָסט און אין די פינסטערע חדרים, איבער וועלכע עס פלעגט צייטענוויין אַדורכלויפען דער ציטריגער רויטער אָבגלאַנץ פון פייער, פלעגען זיך הערען פערשטיקטע טריט און אַ שאַרען פון וואָליקעס, און אַמאָל פלעגט אויך קלינגען אַ גלעזעל און באַלד דערויף אַ בולבען פון אַ פליסיגקייט. די זכרונות האָבען, אַפנים, נישט געלאָזט קרוגליקאָוו'ן שלאָפען, האָט ער זיך אַרומגעבאָמבעלט אין די סטאַנציע-חדרים, געזאָגט עפּיס אַ תפילה אָדער געוואָרטשעט פאַר זיך...

איך בין איינגעשלאָפען. . . . .

. . . .

בשעת איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז נאָך געווען רעכט נאַכט, אָבער אַט-דאַוואַן האָט שוין געלעבט, געגלאַנצט פון פייערן און זיך בעוועגט. פון הויף האָט זיך געטראָגען אַ גערויש, די טירען האָבען געקלאַפּט, די אָנטרייבער האָבען אַרומגעשמייעט, די פערד זענען שנעל אַריבערגעפיהרט געוואָרען אונטער די ווענד און האָבען געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבער'ן סקריפּענדיגען שניי, די דועס מיט די גלעקעלעך האָבען אונרוהיג געקלונגען, און דאָס אַלץ האָט זיך ווי אַ רוישיגער שטראָם געצויגען פון דער סטאַנציע צום טייך.

אין דער שכני'שען צימער האָט קרוגליקאָוו פאַוואָליע אָנגעצונדען ליכט. די זאַפּאַלקע האָט לכתחילה אַרויסגעוואָרפען אַ בלויליך-טויטען שיין, נאָכדעם אָבער האָט זי פּלוצלונג אויפגע-

פלאַמט און בעלויכטען דאָס צימער.

קרוגליקאָוו האָט צוגעטראָגען די זאַפּאַלקע צו אַ לאַמטערנע, אָנגעצונדען דאָרט דאָס ליכט און זיך אויסגעדרעהט. נישט ווייט פון איהם איז געשטאַנען אַ נייער פאַרשוין: אַ מענש אין אַ הירשען-דאָכע*), מיט אַ פערשנייטען קאַפּושאָן. פונ׳ם קאַפּושאָן האָבען אַרויסגעקוקט צוויי שוואַרצע, עטוואָס קרומליכע אויגען, ווי ביי אַ קאַרימער, אַ בלאַס געזיכט, אַ דינע נאָז און לאַנגע שוואַרצע אַראָבגעלאָזטע וואָנסען. לויט דידאָזיגע שטריכען האָב איך דערקאָנט אַראַבין-טאָיאָנ׳ען, וואָס שוין עטליכע טעג ווי אַט-דאַוואַן האָט איהם אָבגעצוואַרט מיט אַזויפיל אימה און הכנעה. דאָס איז טאַקי געווען מיין בעקאַנטער שעמעדיגער קאָזאַקען-קאָרנעט, וואָס אין אירקוטסק האָט איהם קיינער נישט בעמערקט.

דער ערשטער מאָמענט האָט, ווייזט-אויס, מבטיח-געווען, אַז אַלץ וועט אַראָב בשלום. אַראַבין איז, קענטיג, זעהר מיד געווען—מעגליך, פון וועג און אפשר האָט איהם איינגעמאַטערט די ראָל פון אַ גרויזאַמען אַראַבין-טאָיאָנ׳ען... איצט האָט ער, קענטיג, געוואָלט פשוט אָברוהען, טרינקען טיי, זיך צולעגען שלאָפען... געשטאַנען איז ער עטוואָס אָנגעבויגען, מיט אַ שלעפעריגען פנים. צייטענווייז בלויז האָט אין זיינע אויגען אויפגעפלאַמט אַ פייערל פון אונגעדולד... דערפאַר אָבער איז אין קרוגליקאָוו׳ן פאָרגעקומען אַ שאַרפער שנוי: איצט איז ער שוין גאָרנישט עהנליך געווען צו יענעם קלייניטשקען פער׳יתומ׳טען און קאָמישען מענשעלע, וואָס האָט נאָך נעכטען מיט אַזויפיל דערנידערונג געבעטען, מען זאָל רחמנות-האָבען איבער איהם און נישט פאָדערן קיין פערד. איצט איז ער געווען בייז, ערנסט און איינגעהאַלטען. בעוועגט האָט ער זיך נישט געאיילט און ענטשלאָסען. ער איז כמעט ווי אויסגעוואַקסען. די נעכטיגע דערצעהלונג, די גרויסע צאָהל משקה, וואָס איהרע

*) דאָכע—אַ סיבירישער פעלץ, בעשלאָגען פון ביידע זייטען מיט פעל־

דאַמפען האָבען איהם איצט פול געמאַכט דעם קאָפּ, וועלכער האָט געברענט פון אונרוהיגע זכרונות און אַ נאַכט אָהן שלאָף— דאָס אַלץ האָט שטאַרק געווירקט אויף קרוגליקאָוו'ן.

—צו אַלדע שוואַרציאָהר!—האָט אַראַבין אונגעדולדיג אַרויסגעזאָגט.—בעוועג זיך דאָרט!

—איהר בעט איין, איהר זאָלט זיך האַלטען שטילער, וואָרום אורחים שלאָפען דאָ,—האָט איהם קריגליקאָוו רוהיג בעמערקט.

אַראַבין האָט אַראָבגענומען דעם קאַפּושאָן, און דעמאָלט האָט זיך אין זיינע שוואַרצע אויגען געלאָזט מערקען אַנ'אויסדרוק פון פערוואונדערונג.

—אַ סאַמאָוואַר!—האָט ער אַ ברום געטאָן; ער האָט אַראָבגעוואָרפען די דאָכע און זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש.

—פאַרטיג.

—פערד!

—זענט אַזוי גוט און בעצאָהלט דאָס נסיעה-געלד.

אַראַבינס קאָפּ, נידעריג אַרומגעשאָרען, מיט לייכט-אָבגעשטאַנענע אויערן, ווי ביי די מאָנגאָלען, האָט זיך שנעל און אונרוהיג אויסגעדרעהט. אין די אויגען האָט שוין געפינקעלט עפּיס מעהר ווי פערוואונדערונג. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אויפסניי אַרויסגעזאָגט:

—פערד, שנעלער!

—פאַר'ן וועג בעצאָהלט,—האָט קרוגליקאָוו אָבגעהאַקט מיט עפּיס אַ רוהיגער הוצפה.

נעבען מיר האָט זיך עפּיס בעוועגט. קאָפּילענקאָוו, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז נאָך געזעסען אין בעט, האָט זיך געכטאַרעט אָהן גערויש אַרויפצוכאַפּען אויף זיך אַ טייל פון זיין קאָסטיום, אָבער געטאָן האָט ער עס מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי אויף דער סטאַנציע וואָלט אויסגעבראָכען אַ שרפה אָדער אַ פיינדליכער איבערפאַל. דער האַלז איז איהם בעוועגט אויסגעצויגען, די גוטמוטיג-כיטרע אויגלעך האָבען געפינקעלט אינדערפינסטער און האָבען אויסגעדריקט פחד און נייגיר.

—נו, עס וועט שוין עפּיס זיין,—האָט זיך קאָפּילענקאָוו פּלוצלונג אָנגעבויגט צו מיר און מיר איינגערוימט אויפ׳ן אויער.—אַ גרויסע צרה!.. אַ דרייסטער יונג, דער־דאָזיגער קרוגליקאָוו... ברודערל מיינס, איין זאַך זאָלסטו געדענקען: מיר האָבען גאָרנישט געזעהן. אַנישט, וועלען מיר נאָך מוזען זיין עדות...

ערשט איצט, נאָך דידאָזיגע ווערטער, האָב איך רעכט פערשטאַנען די סיטואַציע... בעטען פּאָהר־געלד ביי אַראַבינ׳ען, ביים בעוואוסטען, אַכזריות׳דיגען אַראַבין־טאַיאָנ׳ען און דערצו נאָך מיט אַזאַ קאַטעגאָרישען טאָן—דאָס איז געווען אַנ׳אויסערגעוועהנליכע חוצפּה מצד דעם הכנעה׳דיגען קרוגליקאָוו׳ן, וואָס האָט געלעבט אונטער די ווילדע בערג פון אַט־דאַוואַן. אַראַבין איז אויפגעשפּרונגען, מיט גרויס גרימצאָרן אַ ציה געטאָן צו זיך דאָס וועג־ראַנצעל, אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט עפּיס אַ פּאַפּיר און אַ שמייס געטאָן עס קרוגליקאָוו׳ן. עס איז געווען קלאָר, אַז ער, אַ מידער און אַ צובראָכענער, וויל זיך האַלטען אין אַ געוויסען גדר, אַז איהם איז איצט, אין אָט דער שפּעטער שעה, אינ׳ם וואַרימען און ליכטיגען אַט־דאַוואַן, זעהר נישט צום האַרצען און שווער די ראָל פון אַ גרויזאַמען אַראַבין־טאָיאָן. אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט צאָהלען קיין פּאָהר־געלד, בפרט־נאָך, אַז דידאָזיגע שטילע און הכנעה׳דיגע לענע האָט גאָר אַ בעזונדערע טבע: ווען ער, אַראַבין, זאָל, אַ שטייגער, איצט צאָהלען אין אַט־דאַוואַן, וועט באַלד פאַלען זיין פּרעסטיזש, און אומעטום, אויף אַ שטח פון דרייטויזענד וויאָרסט, וועלען די אָנטרייבער פון סטאַנציע צו סטאַנציע פונאַנדערפירען די ידיעה, אַז אַראַבין־טאָיאָן האָט זיך אונטערגעגעבען און צאָהלט... און אומעטום וואָלט מען שוין ביי איהם געריסען פּאָהר־געלד. ער האָט נאָך אַוודאי גערעכענט, אַז קרוגליקאָוו האָט מסתמא פערגעסען, ווער ער איז, און אָט וועט עס איהם דערמאָהנען דאָס פּאַפּיר. אָבער דאָס האָט גאָך פערערגערט די לאַגע.

קרוגליקאָוו האָט זיך פּאַוואָליע פונאַנדערגעוויקעלט דאָס פּאַפּיר, אַדורכגעלייענט עס, ווי עס געהער צו זיין, לאַנג גע-

פיהרט מיט די אויגען פון שורה צו שורה און נאָכדעם זיך אָנ-גערופען:

—אָט ווערט דאָ טאַקי געזאָגט: „פּאָר פיר פערד נעה-מען דאָס בעשטימטע פּאָהר-געלד.” איהר אָבער נעהמט זעקס פערד מיט צווי וועגענס און ווילט גאָרנישט צאָהלען. דאָס איז נישט על-פּי-געזעץ...

זיין קול האָט אַפילו געקלונגען גאַנץ רוהיג, אָבער ער האָט זיך אַזוי ווי צוגאָסען איבער גאַנץ אַט-דאַוואַן! דער גע-רויש, וואָס האָט אָנגעפיהלט די גאַנצע סטאַנציע איז שטיל גע-וואָרען, מיט שרעקעדיגען נייגיר האָבען די אָנטרייבער זיך גע-דריקט ביי דער טיר, וואָס האָט געפיהרט אינ׳ם סטאַנציע-חדר. קאָפּילענקאָוו האָט איינגעהאַלטען דעם אָטעם.

אַראַבין האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, אַרומגעכאַפּט די סטאַנ-ציע מיט אַ פלאַמענדיגען בליק, אַ האַק געטאָן מיט׳ן פויסט אין טיש אַריין און אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויזען אַ בייז-אימה׳-דיגער אויסדרוק.

—מאָלטשאַט!—האָט ער אַ געשריי געטאָן!—וואָס... אַ בונט?

—קיין שום בונט, נאָר לויט׳ן געזעץ. לויט׳ן בעפעהל פון זיין מאַיעסטעט דעם קיסר. עס בעדאַרף דאָך אַמאָל נעהמען אַ סוף...

קרוגליקאָוו האָט נישט בעוויזען צו ענדיגען. אַ שטאַרקער קלאַפּ האָט איהם אומגעוואָרפען... אַראַבין האָט זיך אַ וואָרף גע-טאָן צו דעם ליגענדיגען קרוגליקאָוו׳ן...

איך בין אַריינגעלאָפען אין צימער. אַראַבין איז געשטאַ-נען קעגען מיר. מיין אַריינקומען האָט איהם ,קענטיג, שטאַרק איבערראַשט. דאָס האָט, מסתמא, געראַטעוועט קרוגליקאָוו׳ן און אויך אַראַבינ׳ען: זיין גרימצאָרן האָט איהם געקאָנט דערפיהרען צו שלעכטע פאָלגען. זיין בלאַס געזיכט האָט איצט געצוקט, אין זיינע אויגען איז אַרומגעלאָפען עפּיס אומרוהיגעס און קרענק-ליכעס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאָזאַקען-קאָרנעט, וואָס האָט אויף דער לענג פערגעסען, אַז ער איז נישט מעהר ווי אַ

קאָזאַקען-קאָרנעט, איז שוין אַליין אויך אָבגעוועהנט געוואָרען צו פאָרשטעלען זיך פאַר עמיץ אַנ׳אַנדערן און נישט פאַר אַנ-אַראַבין-טאָיאָן, וואָס איז מעכטיג און גרויזאַם און איז מיט אַ קאָפ העכער פון די לענע-בערג. מיין אַריינקומען אָבער האָט איהם פלוצלונג איבערגעטראָגען קיין אירקוטסק, אין יענעם נידעריגען צימער, וואו דער קאָפ פונ׳ם קאָרנעט האָט ווייט נישט דערגרייכט דעם באַלקען און וואו ער איז נישט געווען העכער פון צעהנדליגער אַנדערע, סאַמע געוועהנליכע קעפ.

אַט-דאַוואַן האָט דאָך נישט בעמערקט דידאָזיגע צומישעניש און דידאָזיגע אינערליכע בעוועגונג. אַט-דאַוואַן האָט בלויז געזעהן דעם קלאַפ און אַז דער שרייבער ליגט אויף דער ערד. די טיר פונ׳ם אָנטרייבער-חדר איז צוגעמאַכט געוואָרען און אויפ׳ן הויף האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגעהויבען אַ שמייעניש און אַ לויפעניש. פון אונזער צימער האָט זיך געהערט דאָס כלומרש׳טע כראָפען פון קאָפילענקאָוו׳ן...

דער בונט איז, אַפנים, איינגעשטילט געוואָרען. און אַראַבין-טאָיאָן איז ווייטער געבליבען פאַר אַט-דאַוואַן דער אייגענער מעכטיגער און גרויזאַמער טאָיאָן, וואָס וועגען איהם איז נישט לאַנג געזונגען געוואָרען דאָס לידל.

קרוגליקאָוו האָט זיך באַלד אויפגעהויבען פון דער ערד, און זיינע אויגען האָבען זיך אָנבעגעגענט מיט מיינע. זיינע אויגען אָבער האָבען אויסגעדריקט אַזויפיל עלענד און נעבעכדיגקייט, אַז דאָס האַרץ האָט מיר פערדריקט: אַזוי קוקט מען נאָר ביי אונז אין רוסלאַנד!.. ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער וואַנד, זיך אָנגעלעהנט דערויף מיט׳ן אַקסעל און בעדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט. איצט האָט ער ווידער אויסגעזעהן ווי נעכטען, אָבער נאָכמעהר דערשלאָגען, נאָכמעהר דערנידערט און פער׳יתומ׳ט.

אַ פרוי האָט העגדום-פענדום אַריינגעטראָגען דעם סאַמאָוואַר און בגנבה און מיט רחמנות געכאַפט אַ קוק אויפ׳ן בעל-הבית... אַראַבין, וואָס האָט שווער געאָטעמט, האָט זיך אַנידערגעזעצט פאַר׳ן סאַמאָוואַר.

—איך וועל אייך שוין ווייזען, ווי אַזוי צו מאַכען בונ־טען...—האָט ער געוואָרטשעט. וואָס ער האָט ווייטער גערעדט, האָט מען שוין נישט געקאָנט פערשטעהן. פונדעסטוועגען האָבען זיך געהערט איינצעלנע ווערטער וועגען „עדות," אַז זיי זאָלען געהן צו אַלדע שוואַרציאָהר, וועגען דעם כבוד פון מונדיר און נאָך עפּיס אַזוינס.

IX.

קאַפּילענקאָח האָט דערווייל אין דער-גיך פֿערענדיגט זיין טואַלעט אין אונזער האַלב-פינסטערן צימער. אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך בעוויזען אין טיר, אָנגעטאָן און צוגעקנעפּעלט. ער האָט עטוואָס צוגעהוסט און זיך געסטאַרעט אַרויפּצוציהען אויפ׳ן פּנים אַ פריינדליך שמייכעלע.

אַראַבין האָט אָנגעקוקט דידאָזיגע פּלעצליכע דערשיינונג מיט אַ מין בייזער פּעריואונדערונג. אין דעם מאָמענט האָט ער, אַפּנים, נישט געקאָנט פּערשטעהן, וואָס וויל פון איהם האָבען דערדאָזיגער שמייכלענדיגער אונבעקאַנטער מענש, וועלכער נויגט זיך פּאַר איהם און שפּרינגט-אונטער געהענדיג, אָבער דאָס שמייכלען און דאָס נויגען זיך האָבען דאָך געווירקט אויף איהם און זיין נאָך נישט-געשטילטער גרימצאָרן האָט זיך עטוואָס געבראָכען. דאָס טעצעלע מיט הייסען טיי האָט ער צוגעטראָגען צו די ליפּען מיט אַ לייכט-ציטערדיגער האַנד און מיט אַ בייז אויג האָט ער גאָכגעקוקט נאָך קאַפּילענקאָו׳ס מאַנעוורעס.

—וואָס פערלאַנגט איהר ?—האָט ער פּלוצלונג שאַרף אַ פרעג געטאָן און אַוועקגעשטעלט דאָס טעצעלע אויפ'ן טיש.

קאָפּילענקאָוו האָט עטוואָס אויפגעשוידערט, אָבער באַלד דערויף איז ער געקומען צו זיך און אויף דאָסניי אַרויפגעצויגען אַ מינעלע פון עפּיס אַ געמיינער ליבליכקייט.

—אייגענטליך, גאָרנישט... אָט איך וויל אייך אָבגעבען כבוד... איהר האָט מיך, אַפנים, נישט דערקאָנט... ביי לעוו סטעפּאַנאָוויטש'ן, ביים איספּראַווניק האָבען מיר זיך איבערגעשמועסט, אויב איהר בעווילגט צו געדענקען, און אַפילו... אַ געשעפּטעלע דורכגעפיהרט...

—אַ-אַ !.. יאָ,—האָט אַראַבין אַ זאָג געטאָן און פון דאָסניי זיך גענומען צום טיי,—איצט געדענק איך שוין.

—אָט-אָט,—האָט זיך קאָפּילענקאָוו דערפרעהט,—מעג איך אָבער פרעגען, אויך וועמעס בעפעהל איהר האָט...

—דאָס געהט אייך נישט אָן !

—געשעפט !—האָט קאָפּילענקאָוו מיט הכנעה איינגעשטימט,—אפשר איז עס גאָר אַ סוד...

דער אָרימער קאָפּילענקאָוו האָט, נעבעך, נישט משיג-געווען, אַז אַראַבין-סאָיאָנ'ען, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס, איז לחלוטין נישט געווען צום האַרצען, ווען מען האָט איהם דערמאָהנט אירקוטסק, דעם איספּראַווניק און די אַלע וואָכענדיגע ענינים.

—געשעפט !—האָט ער נאָכאַמאָל פערטראַכט אַרויסגעזאָגט, און כדי איינצוהאַלטען די פּאָזיציע, האָט ער צוגעגעבען,—איהר זענט דאָ אַ ביסעלע אַרויס פון די כלים... אָבער וואָס זאָל איך אייך זאָגען, דאָ, אין דעם היגען קאַנט, קאָן אַפילו אַ מלאך אַריינפאַלען אין גרימצאָרן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אין קרוגליקאָווס זייט און אָבגעזיפצט :

—נישט געבילדעט !

אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען. אַראַבין האָט אויף איהם קיין שום אַכט נישט געלעגט. באַלד ווי ער האָט

נאָר אויסגעטרונקען דעם טיי, האָט ער אַרויסגענומען אַ ביכעלע, עפּיס אַריינגעשריבן דערין, נאָכדעם זיך שנעל אָנגעטאָן, אַ ריס געטאָן זיך צו דער טיר, וואו ער האָט זיך תּיכּף ומיד צוגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט, צי איז נישטאָ דאָ עמיץ פֿון די אָנטרייבער, און פּלוצלונג, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט אַ שטיקעל ישוב-הדעת מיט זיך אַליין, האָט ער מיט אַ שאַרפֿער באַוועגונג אַ שאָט געטאָן געלד. צוויי פּאַפּירלעך האָבן אַ ציטער געטאָן אין דער לופֿטען, אויף דער ערד זענען אַראָפּגעפֿאַלן זילבער-מטבעות. אַראַבין איז נעלם-געוואָרען הינטער דער טיר, און אין אַ מינוט אַרום האָבן גלעקעלעך ווילד פֿערקלונגען אויפֿ'ן טייך, אונטער דער ברעג-וואַנד.

דאָס אַלץ איז געשעהן אַזוי אונגעריכט און שנעל, אַז מיר אַלע, די דריי שטומע עדות פֿון דערדאָזיגער סצענע, האָבן נישט באַלד פֿערשטאַנען, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. אָבער ווי עס געשיהט שטענדיג אין געלד-ענינים, איז קאָפּילענקאָוו דער ערשטער געקומען צו זיך.

—בעצאָהלט!—האָט ער אַרויסגעזאָגט, אַנ'איבערראַשטער—דו הערסט, קרוגליקאָוו? ברודערל מיינס, דאָס האָט ער דאָך פֿאָהר-געלד איינגעצאָהלט... אָט איז דיר שוין איינמאָל אַ געשיכטע...

פֿון די אָנטרייבער האָט קיינער נישט צוגעזעהן דידאָזיגע סצענע, ווי אַזוי דער גרויזאַמער אַראַבין-טאָיאָן האָט זיך אונטערגעגעבן.

X.

אויף מאָרגען, שפּעט אינדערפריה, האָב איך זיך ווידער אַריינגעזעצט אין וואַגאָן צוזאַמען מיט קאָפּילענקאָוו׳ן. דער פראָסט איז נישט קלענער געוואָרען. פון הינטען די בערג, וואָס האָבען אַרויסגעבלויט אינ׳ם פראָסטיגען נעבעל הינטער׳ן טייך, האָבען זיך, ווי בלאַסע זיילען, אַדורכגעריסען די שטראַהלען פון דער אויפגעהענדיגער זון. די פערד האָבען זיך געשלאָגען, און די אָנטרייבער האָבען מיט גרויס שווערינקייטען איינגע-האַלטען די דורכגעפראָהרענע טראָיקע.

אין אַט-דאַוואַן איז געוועזן אומעטיג, גרוי און שטיל. דער דערשלאָגענער און דערנידעריגטער קרוגליקאָוו, וואָס האָט שטאַרק געליטען פון דעם נעכטיגען פאַל, האָט אונז בעגלייט ביז׳ן שליטען. ווייל-עווייז האָט ער אויפגעציטערט פון פראָסט, שכרות און אומעט. מיט עפּיס אַ בעזונדער יראה האָט ער אַריינגעזעצט קאָפּילענקאָוו׳ן אין שליטען, איינגעדעקט איהם גוט די פיס און פערהאָנגען מיט׳ן בוידפּאַרטוכעל.

—מיכאַאיל איוואַנאָוויטש,—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ

ציטריגען תחנונים-טאָן,—טוט מיר אַ טובה און שאַפט מיר אַ שטעלע, ווי איהר האָט מיר צוגעזאָגט. איצט קאָן איך שוין דאָ נישט דינען. איהר האָט דאָך אַליין, געזעהן, אַ ביטערע געשיכטע...

—זעהר פיין, ברודערל!—האָט קאָפּילענקאָוו אַזוי ווי נישט גערן געענטפערט.

אין דערדאָזיגער מינוט זענען די אָנטרייבער, וואָס האָבען איינגעהאַלטען די פערד, אָבגעשפרונגען אין דער זייט, די טראָיקע האָט אַ ריס געטאָן פון אָרט, און מיר האָבען זיך אַוועקגעטראָגען איבער'ן אייז-וועג. די ברעג-וואַנד איז אַוועקגעפלויגען אויף צוריק, די נעבעלדיגע הויכקייטען, אויף וועלכע איך האָב נעכטען געקוקט—געהיימע און פאַנטאַסטישע אינ'ם שיין פון דער לבנה, האָבען איצט קאַלט און בייז זיך אָנגערוקט אויף אונז.

—נו, וואָס, מיכאַאיל איוואַנאָוויטש,—האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן, בשעת די טראָיקע איז אַוועק רוהיגער,—וועט איהר איהם שאַפען אַ שטעלע?

—ניין,—האָט קאָפּילענקאָוו גלייכגילטיג געענטפערט.

—פאַרוואָס?

—אַ שעדליכער מענש, ממש אַ געפעהרליכער... נו, זאָגט אַליין, וואָס האָט ער געטאָן. וואָלט ער זיך דעמאָלט אין קרוינ-שטאַדט אַנדערש געהאַלטען, וואָלט ער זיך אָבגעזאָגט פון דער כלה, וואָלט ער געווען גליקליך אויפ'ן גאַנצען לעבען. וועניג כלות זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט? אַ קלייניגקייט—פון איינער זיך אָבזאָגען און נעהמען אַ צווייטע. און דערפאַר וואָלט מען איהם נאָך געמאַכט פאַר אַ לייט. אָבער ניין, זעהט-נאָר, וואָס האָט ער געטאָן... פון אַ פיסטאָלעט... דו, ברודערל, בעטראַכט די זאַך, ווי עס געהער צו זיין: ווער ווייס עס זאָגען, אַז דאָס איז גוט אַזוי? היינט וועט ער זיך בעגעהן אַזוי מיט אייך און מאָרגען מיט מיר...

—אָבער דאָס איז דאָך שוין זעהר לאַנג געווען. היינט איז ער דאָך שוין נישט דער.

—ניין, זאָג דאָס נישט. האָסט דאָך געהערט, ווי אַזוי ער האָט נעכטען גערעדט מיט אַראַבינ׳ען?..

—איך האָב געהערט: ער האָט געפאָדערט פּאָהר-געלד. דאָס איז דאָך זיין פליכט.

קאָפּילענקאָוו האָט מיט גרויס ערגערניש זיך אומגעקעהרט צו מיר.

—דו ביזט דאָך עפּיס אַ קלוגער מענש, און סאַמע אַ געוועהנליכע זאַך פערשטעהסטו נישט. פּאָהר-געלד!.. שוין-זשע האָט ער איהם אַליין נישט געצאָהלט? טויזענדער ווייאָרסט איז ער געפאָהרען און האָט קיינעם נישט געצאָהלט. נו, זאָל ער איהם אַליין צאָהלען, אויך מיר אַ מענש!

—אָבער ער מוז דאָך צאָהלען!

—ער מוז? ווער האָט עס איהם פערפליכטעט, אפשר איהר מיט אייער קרוגליקאָוו׳ן?

—דער געזעץ, מיכאַאיל איוואַנאָוויטש.

—דער געזעץ... דערפאַר, מסתמא, האָט ער עס נעכטען געעפּענט אַ מויל: געזעץ. צי ווייס ער אָבער וואָס דאָס איז פאַר אַ וואָרט: „געזעץ?"

—וואָס איז עס פאַר אַ וואָרט?

—אָט וואָס פאַר אַ וואָרט: איין מאָל זאָלסטו עס זאָגען, צעהן מאָל זאָלסטו עס האַלטען ביי זיך, ביז מען וועט דיך נישט פרעגען. זעהסט דאָך, ווי ער האָט זיך דאָס איבערגענומען: געזעץ, לויט׳ן געזעץ! אַ הילצענער קאָפּ ביזטו, ווי קומסטו צו אַ געזעץ? אויך מיר אַ מענש—מיט׳ן נאַטשאַלניק וויל ער קנעלען אין הלכות געזעץ?

איך האָב געזעהן, אַז מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש הויבט-אָן אַריינצופאַלען אין גרימצאָרן, האָב איך מיך דערשראָקען, אַז איך קאָן דאָ קאַליע מאַכען דעם גאַנצען ענין. דעמאָלט בין איך צוגעטראָטען צו דער זאַך גאָר פון אַנ׳אַנדער זייט.

—אָבער איהר האָט דאָך איהם צוגעזאָגט, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש.

—מאַלע וואָס איך האָב צוגעזאָגט... דאָס האַרץ איז ווייך געוואָרען, האָב איך צוגעזאָגט...

—הויב-אויף!—האָט קאָפּילענקאָוו פלוצלונג אַ געשריי געטאָן. אונזער שליטען האָט זיך ווידעראַמאָל אויסגעקעהרט און מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש איז אויף דאָסניי געלעגען אונטער מיר.

מען האָט געמוזט אַרויסגעהן פון שליטען. אויף דעמדאָזיגען אָרט איז, אַפּנים, דער קאַמף צווישען דעם טייך מיט'ן פראָסט בעזונדערט שטאַרק געווען: גרויסע ווייסע אייז-שטיקער האָבען אונז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען און פערשטעלט די פּערספּעקטיוו פונ'ם טייך. אָבער ווילדע בערג, וואָס האָבען אַפילו אויסגעזעהן שרעקליך אין זייער מאַיעסטעטישקייט, זענען שאַרף אַרויסגעטראָטען פונ'ם נעבעל, און אין דערווייטענס האָט זיך געצויגען אַ ווייס רויכעלע איבער די כאַאָטיש-צעוואָרפענע אייז-קריעס.

אַט-דאַוואַן איז עס, קענטיג, געווען.

דער נסיון.

דער נסיון.

דעם 15-טען אויגוסט 1881, פערנאכט, א זייגער זעקס האט מען מיך „צוגעשטעלט" קיין טאבאלטק. א שענער פאליצ-מייסטער אין א קוטשמע פונ'ם סיבירישען קאזאקען-מיליטער, איז ארויסגעפאהרען פון טויער, בשעת ער האט דערזעהן אונזער טראיקע. ער איז באלד ארא‏בגעשפרונגען פון זיין עקיפאזשל און איז צוגעגאנגען צו אונז, כאפענדיג א שמועס מיט די זשאנדאר-מען. נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צו מיר, א קוק געטאן מיר אין פנים אריין און זיך אנגערופען:

—שוין-זשע זענט איהר דאס!.. הער נ... אי-אי-אי! גע-דענקט איהר אבער, וואס איך האב אייך געזאגט מיט א יאהר צוריק!

מיט א יאהר צוריק, אין דער תקופה פון לאריס מעלי-קאווס „הארץ-דיקטאטור", האט זיך אנגעהויבען טראגען, ווי מיר האבען זיך דעמאלט אויסגעדריקט, „א ווינדטעלע קיין מערב." פון א גרויסער פארטיע פאליטישע פערשיקטע זענען אכט פארשוין אומגעקעהרט געווארען פון וועג צוריק קיין רוסלאנד. איך האב

מיך אויך געפונען אין דער צאָהל פון דידאָזיגע שוועלבע-לעך.

מען האָט מיך צוריקגעפיהרט פון טאָמסק אין אייראָפּע-אישען רוסלאַנד, אונטער דער פּאָליציי-השגחה...

און אָט דעמאָלט טאַקי האָב איך מיך בעקאָנט מיט'ן שענעם פּאָליצמייסטער. לכתחילה האָט אונזער קליינימשקע פּאַר-טיע געהאַט אַ שטיקעל מחלוקה מיט איהם, מחמת מען האָט אונז געוואָלט פונאַנדערזעצען אין איינצעל-קאַמערן, און צווישען אונז האָבען זיך געפונען פרויען און קינדער. איינע פון זיי, פרוי מ., אַ מאַמע פון אַ זויג-קינד, האָט אַליין נישט געקאָנט זויגען איהר קינד (זי איז געווען זעהר אַ קרענקליכע), האָט װ. פּ. ראָגאַטשאָוואַ געזויגען איהר אייגען קינד און דאָס פרעמדע. וואָלט מען אָבער די מאַמעס פונאַנדערגעזעצט אין בעזונדערע איינצעל-קאַמערן, וואָלט עס פּשוט געווען אַ טויט פאַר איינס פון די צוויי קינדער.

נאָך מיין לפי-ערך רוהיגער דערקלערונג האָט עס דער פּאָליצמייסטער תּופס-געווען, און נאָכדעם ווי ער האָט בערע-כענט, אַז מיר געפינען זיך נישט אונטער אַנ'אויספאָרשונג און ווערען אויך נישט אַרויסגעשיקט, נאָר, פערקעהרט, מיר ווערען צוריקגעשיקט, האָט ער גאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד. פאַר די פרויען האָט זיך אויסגעפונען אַ גרויס צימער, מיך מיט מיי-נע וועג-חברים האָט מען אַריינגעפּאַקט אין דער „אויספאָרשונגס-טורמע.” אין פלוג איז מיר דער טאָבאָלסקער פּאָליצמייסטער, וואָס איז בטבע געווען נישט קיין שלעכטער און נישט קיין נאַר, באמת דאַנקבאַר געווען דערפאַר, וואָס איך האָב איהם רוהיג קלאָר געמאַכט די זאַך. אַ נישט, וואָלט ער אומזיסט און אומנישט געמוזט האַנדלען, ווי אַנ'אַכזר. און דעריבער, אַז ער האָט אונז בעגלייט, האָט ער מיר געדריקט די האַנד און גע-זאָגט:

—נו, איך ווינש אייך אַלדאָס גוטס. איהר ווייסט? איך דין שוין יאָהרענלאַנג, אָבער איך האָב נאָך נישט געזעהן, אַז

די מענשען, וואָס ווערען אַוועקגעפיהרט קיין סיביר אַלס פּאָליטישע, זאָלען אומגעקעהרט ווערען צוריק.

—דאָס האָט שוין געטראָפען, העך פּאָליצמייסטער.

—איך ווייס, אָבער איך האָב עס נאָך נישט געזעהן. נאָרדאָס איז שוין באמת קיינמאָל נישט געשעהן: אַז די, וואָס זענען אַריינגעפאַלען צום צווייטען מאָל, זאָלען פון דאָסניי צוריק אומגעקעהרט ווערען. אַלזאָ, וועל איך אייך נישט זאָגען „צום ווידערזעהן”. פון גאַנצען האַרצען ווינש איך אייך, איך זאָל אייך דאָ מעהר קיינמאָל נישט זעהן.

האָב איך איהם בעדאַנקט און פרעהליך האָבען מיר זיך בעלאָזט און וועג אַריין—פון טאָבאָלסק „קיין מערב”—קיין אייראָפּא...

אַ יאָהר איז אַוועקגעלאָפען פון אָט דער צייט. געוואוינט האָב איך דאָס יאָהר אין פּערם, וואו איך האָב אָנגעשריבען אַנ׳אַרטיקעל, אין וועלכען עס זענען געשילדערט געוואָרען די פּאַראַנדקעס פון דער טאָבאָלסקער תפיסה.

בּאַלד דערויף האָט זיך אָבגעשפּילט די געשעהעניש פון׳ם 1-טען מערץ. ווידער האָט זיך גענומען „טראָגען אַ ווינדטעל,” אָבער שוין פון מערב קיין מזרח, און מיך האָט עס אויך פערכאַפּט מיט זיך...

עס איז געוואָרען אַ טומעל, עמיץ איז אָבגעשטויסען געוואָרען, און עמיץ איז געפיהרט געוואָרען צו מאַכען אַ פּראָטאָקאָל... עפּיס האָט מיר פערנעבעלט די אויגען, און פאַרביי דעם שנעל לויפענדיגען צוג האָבען זיך געטראָגען די טריבע לאַנדשאַפטען פון אוראַל, יעגלבוימער און פעלזען... און דעם 15-טען אויגוסט האָט דער שענער פּאָליצמייסטער פון טאָבאָלסק, ווי עס איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און גערעדט צו מיר מיט אַ פּאָרוואורף-טאָן:

—אַי-אַי-אַי! העך ג. ט. איצט איז שוין פערפאַלען. איך האָב אייך געזאָגט, אָבער איהר האָט מיך נישט געהאָרכט. איהר זאָלט וויסען, אַז רוסלאַנד וועט איהר שוין איצט מעהר נישט

זעהן! האָט דאָ חתונה, ווערט אַ בעל-הבית און האַלט זיך פאַר אַ סיבּירער. אַלץ איז שוין געענדיגט.

דער אָרימער פּאָליצמייסטער איז אָבער געווען אַ שלעכטער נביא. אין אַ יאָהר דריי אַרום בּין איך ווידעראַמאָל געפאָהרען „קיין מערב", אָבער דער פּאָליצמייסטער איז שוין נישט געווען קיין פּאָליצמייסטער אין טאָבּאָלסק. ער איז געווען אַ מענש אַ פרעהליכער, און האָט געקוקט אויפ'ן לעבּען, ווי אויף אַ תענוג, איז ער אָבער אַריינגעפאַלען אַזוי ערנסט, אַז אַפילו דאָס סיבּירישע געריכט האָט נישט געקאָנט צו מאַכען די אויגען. דער טאָבּאָלסקער פּאָליצמייסטער איז צוגעצויגען געוואָרען צום געריכט און איז נאָכדעם אַליין געזעסען אין דער טאָבּאָלסקער תפיסה...

דאָס אַלץ איז, נאַטירליך, געשעהן שוין דערנאָך, דערחייל אָבער וועל איך ווייטער דערצעהלען.

נאָכדעם, ווי ער האָט מיר גאַנץ פרעהליך אַ דראָהע געטאָן, איז ער ווידער אַריינגעשפּרונגען אין זיין עקיפּאַזשל און אַ געשריי געטאָן צום קוטשער: „פאָהר נאָך מיר!" אונזער טראָיקע האָט זיך תיכף אַ לאָז געטאָן, ווי אַ ווילדער, נאָך זיין האָריגער קוטשמע, צום גובּערנאַטאָרס הויז, און די זעלטענע גאָסענגעהער פון אַ סיבּירישער שטאָדט האָבּען אונז שטאַרק אָנגעקוקט.

מיט'ן גובּערנאַטאָר האָבּען מיר געהאַט גאָר אַ קורצע זעהונג. אין טאָבּאָלסק איז דעמאָלט געווען גובּערנאַטאָר ליטאָגאָרסקי, וואָס האָט זיך שפּעטער קונא-שם געווען מיט זיין שווערען רעזשים בּנוגע די פערשיקטע. מיך אָבער האָט ער גראַדע אויפגענומען גאַנץ העפליך, האָט מיר צוגעזאָגט צו דערפילען מיינע קליינינטשקע בּקשות וועגען די בּריף און טעלעגראַמעס, וועלכע איך האָבּ געוואָלט שיקען מיינע נאָהנטע. נאָכדעם האָט ער זיך איבּערגעשעפּטשעט מיט'ן פּאָליצמייסטער און בּעת-מעשה עפּטער צוגעוואָרפען אין מיין זייט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, פיל-בּעדייטענדיגע בּליקען... צולעצט האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ גאַנץ גוטמוטיגער מינע:

—נו, איצט געהט איהר אין טורמע אַריין.

און ווידעראַמאָל האָבען מיר זיך געיאָגט נאָך דער קאָקען-קוטשמע.

אין דער טורמע-קאַנטאָר האָב איך דערזעהן דעם בעקאַנטען פרצוף פונ׳ם סמאָטריטעל, וואָס זיינע אכזריות האָב איך שוין בעשריבען אין מיין אַרטיקעל. ער האָט מיך אויך תיכף דערקענט, און אויף זיין טריבען, נאָך גאָרנישט אַלטען, אָבער טרוקען פנים מיט אונבעוועגליך-הילצערנע שטריכען, האָט זיך בעוויזען עפּיס אַ רעטזעלהאַפטער אויסדרוק. דער פּאָליצמייסטער האָט פעראָרדענט, מען זאָל מיר נישט צונעהמען די זאַכען, איבערלאָזען מיך אין מיינע אייגענע קליידער, און אַ צוויי-דריי ווערטער האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צום סמאָטריטעל. ווענמענס פנים עס איז פערבליבען אַלץ אַזוי אונבעוועגליך, ווי פריהער. נאָכדעם האָט ער מיר פריינדליך אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און איז אַוועקגעפאָהרען.

אַ נישט-ווילענדיגער אומעט איז מיך בעפאַלען, בשעת איך האָב איהם בעגלייט מיט די אויגען.

מיר איז געוועזן בעזונדערס אָנגענעהם זיין שען זאָרגלאָזינישט ביז געזיכט אין דערדאָזיגער מרה-שחורה׳דיגער סביבה...

איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין פאַראיאָהריגען „צוריקקעהר,״ אין מיינע פריינד און חברים, מיט וועלכע איך בין דעמאָלט געפאָהרען, און די איינזאַמקייט האָט מיך נאָך שאַרפער געדריקט...

—אין דער מיליטערישער קאַטאָרגע-אָבטיילונג,—האָט דער סמאָטריטעל אַ זאָג געטאָן צום נאַדזיראַטעל. איצט האָט ער מיך שוין „אינגאַנצען אַרויסגענומען״ פון די זשאַנדאַרמען.

—וואָס הייסט, אין דער מיליטערישער קאַטאָרגע?—האָב איך מיך גע׳חדוש׳ט.—איך געהער דאָך נישט צום מיליטער און בין אויך נישט קיין קאַטאָרזשניק, קיין פער׳משפּט׳ער אַפילו נישט.

דער סמאָטריטעל האָט גאָרנישט געענטפערט, און צוויי טורמע-דינער האָבען גענומען מיינע זאַכען. איך האָב געזעהן, אַז

קיינער האָט דאָ נישט בדעה אַרומצושמועסן מיט מיר דידאָזיגע פראַגע, בין איך אַוועק מיט די נאַדזיראַטעלעס.

פון קאַנטאָר זענען מיר אַרויס אין אַ טויער, נאָכדעם זענען מיר אַדורכגעגאַנגען אַ קליינעם הויף און זיך אָבגעשטעלט ביי אַ פערשלאָסענעם טויער פון אַ צווייטען הויף. מיין בעגלייטער האָט צוגעלענט דאָס פנים צו אַ פענסטערל אין טויער און אַ רוף געטאָן דעם וואַך-נאַדזיראַטעל. פון יענער זייט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּען פון שליסלען, נאָכדעם האָט זיך געעפענט די טויער-טיר, וואָס איז באַלד הינטער אונז צוגעשלאָסען געוואָרען. איצט האָבען מיך דריי פעסט-פערשלאָסענע טויערן מיט דריי גרויסע הענגענדיגע שלעסער אָבגעטיילט פון גאָטס פרייער וועלט.

דער הויף, אין וועלכען מיר זענען אַריין, איז געווען אַ שמאָלער, פון דער לינקער זייט איז ביי דער הויכער טורמע-וואַנד געשטאַנען דער הילצערנער בנין פון צעכהויז, פון דער רעכטער זייט האָט זיך געצויגען אַנ׳איינשטאָקיגער בנין מיט אַ שורה קליינע פענסטערלעך, פערשטעלט מיט גראַטעס. גלייך קעגען אונז—אַ וואַנד פון דער טורמע-שניידעריי אָהן פענסטער און טירען. פון הינטען—דער טויער, אינמיטען—אַביידעל, ביים ביידעל—אַ נאַדזיראַטעל מיט אַ ביקס, און איבער׳ן הויף—אַ נעבעלדיגער בין-השמשות.

אויף דעמדאָזיגען איינגען שטח האָבען אַודאי אַ גאַנצען טאָג אַרומגעשפּאַצירט די קאַטאָרזשניקעס פונ׳ם מיליטער, איצט אָבער האָט מען זיי אַריינגעיאָגט אין די קאַמערן מסתמא דערפאַר, ווייל עס האָט זיך שוין דערנעהנט די צייט פון דער נאָמען-קאָנטראָלירונג אָדער גאָר פון מיין כבוד-וועגען. בשעת איך בין געגאַנגען אין מיין שוואַרצען מאַנטעל און הוט—גאָר אַנ׳אונגעוועהנליכע זאַך אין דעמדאָזיגען אָרט—האָט פון יעדען פענסטער אַרויסגעקוקט צו מיר אַ פאָר נייגעריגע אויגען. די אַרעסטאַנטען פון די איינצעלקאַמערן האָבען אָבסערווירט דעם נייגעקומענעם, האַלטענדיג זיך מיט די הענד פאַר די גראַטעס און אַריינשפּאַרענדיג די געראַזירטע קעפּ אין די לעכער...

זייערע בלאַסע תפיסה-פּנימ׳ער האָבען זיך זעהר שאַרף און משונה געפלעקט אינ׳ם בין-השמשות. פאַר דער אָבטיילונג פון די מיליטער-קאַטאָרזשניקעס איז דאָס געווען אַ גאַנצע געשעהע-ניש.

מיינע בעגלייטער זענען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען הויף. די איינגאַנג-טיר האָט זיך געפונען אין עק. אַריין אין טיר, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דערזעהן אַ לאַנגען קאָרידאָר און האָב שוין פאָראויס געשפּירט דעם אינטערעסאַנטען מאָמענט פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט מיינע קינפטיגע שכנים. אָט, האָט זיך מיר געדאַכט, וועט צוגעמאַכט ווערען די טיר פון קאָרידאָר, די בעגלייטער וועלען אַוועק און איך וועל צוגעהן צו דעם קיילעכיגען אויגעל פון מיין טיר און וועל מיך צוהאָרכען. און דאָ וועל איך אַודאי דערהערן אַ בעגריסונג אָדער אַ פראַגע:

—עי, פּאָליטישער, אַ פּאַפּיראָסל ווילסטו?

נאָכדעם וועט זיך אָנהויבען די טורמע-פּאָסט, וואָס איז ממש אַ פלא לויט איהר ערפינדערישקייט און לויט איהרע איינ-פאַלען, און, מעגליך, אַז נישט איין גוטע בעוועגונג פון אַ נשמה, נישט איין האַרציגע געשיכטע פון הינטער דער איינגעשלאָסע-נער טיר וועט מיר ווידעראַמאָל בעפוצען מיין תפיסה, ווי דאָס איז שוין נישט איין מאָל געשעהן... און נאָכאַמאָל חזר איך מיר איבער דעם אַלטען אמת: מענשען זענען אומעטום דאָ, אַפילו הינטער די ווענד פון אַ קאַטאָרגע-תפיסה פאַר׳ן מיליטער.

II.

בעשערט איז אָבער געווען, איך זאָל מיך ביטער ענס־טוישען. נאָכדעם, ווי מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דאָס שמאָלע קאָרידאָרל, זענען מיינע בעגלייטער אַוועק נישט אין דער ריכטונג אויף רעכטס, ווי איך האָב גערעכענט, אין דעם אַלגעמיינעם קאָרידאָר פונ׳ם בנין פאַר מיליטער־קאַטאָרזשניקעס, נאָר לינקס. מיר זענען אַריין אין אַ קליין נאָרעלע מיט אַ בעט און מיט אַ שטאַרקען ריח פון אַ בעוואוינטען אָרט. אָבער דאָסדאָזיגע נאָרעלע איז גאָרנישט עהנליך געווען צו אַ טורמע־קאַמער. די זאַך איז ערשט קלאָר געוואָרען, ווען דער נאַדזיראַטעל האָט געעפענט נאָך אַ טיר און מיך פערבעטען אַריינצוגעהן אין אַנ׳איינצעל־קאַמער.

ערשט איצט האָב איך פערשטאַנען! מיין תפיסה־פלאַץ ווערט זעהר ערנסט גענומען. אָבגעריסען וועל איך זיין פון אַלץ, אַפילו פון דער אַרעסטאַנטען־וועלט. מען וועט מיך דאָ איינשליסען, און אין דעם ערשטען צימערל וועט זיך שטענדיג געפינען אַ שומר, צו שטערען יעדען פערקעהר צווישען מיר און

די אַרעסטאַנטען. צו די דריי טויערן, וואָס האָבען מיך אָבגע-שיידט פון דער פרייער וועלט, זענען, אַלזאָ, צוגעקומען נאָך דריי טירען, וואָס וועלען מיך אָבשיידען אַפילו פון דער אַרעס-טאַנטען-וועלט.

—נו, געהט-אַריין,—האָט איינער פון די תפיסה-לייט אַ זאָג געטאָן, זעהענדיג, ווי איך בעשליס מיך נישט איבערצוטרע-טען די שוועל פונ'ם קאַמערל. אָבער דער צווייטער האָט גראָב צוגעגעבען:

—געה, געה, ניש'קשה!

—ניש'קשה,—האָט זיך אויך אָנגערופען דער דעזשורנער אונטעראָפיציר.

עפּיס אונבעשטימטעס, נאָר שווערעס, האָט זיך אויפגע-הויבען אין מיר. דאָס איז געוועזן רחמנות צו זיך, פּונקט ווי צו אַ צווייטען, אָבער אַזוי שאַרף און הייס צוזאַמען מיט אַ בעוואוסטזיין פון אונגערעכטיגקייט און געוואַלט, אַז מיר האָט זיך געוואָלט שרייען, בעשיטען מיט זידעלווערטער, שטעלען אַ ווידערשטאַנד. אָבער געדויערט האָט עס בלויז איין רגע. מיין טעמפּעראַמענט איז עטוואָס אַנ'איראָנישער און אַ רוהיגער; אוי-סערדעם, האָט מיך אין אַ סך עהנליכע פאַלען אַרויסגעראַטע-וועט די נייגיריגקייט. איך האָב געוואוסט, אַז אויב איך זאָל שטעלען אַ ווידערשטאַנד דער וואַך, וועט מען מיך שלאָגען, אָדער קאַלעטשען אָדער איך וועל אפשר גאָר שטאַרבען אינ'ם טורמע-שפּיטאָל, און מיינע נאָהנטע וועט מיטגעטיילט ווע-רען, אַז איך בין געשטאָרבען פון אַ טיפוס. דער גובערנאַטאָר ליסאָגאָרסקי וועט עס נאָך אודאי אָננעהמען פאַר אַ כשר'ע מטבע און בלויז דער שענער פּאָליצמייסטער וועט אפשר אין ספקות אַ שאָקעל טאָן מיט'ן קאָפּ. און צוריקגערעדט, וואָס אַרט עס איהם... געה איך אָבער אַריין אין דער פאַר מיר בעשטימטער קאַמער, ווייס איך נאָך נישט אויף זיכער, וואָס ווייטער וועט זיין.

בין איך אַריין און געהערט, ווי דער לעצטער שלאָס האָט זיך פערהאַקט הינטער מיר מיט אַ מעטאַלישען, גאַנץ אָנגענעה-

מען קלאַנג, וועלכען איך הער נאָך איצט אויך אין מיין געדע-בעניש, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען ערשט נעכטען. נאָכדעם האָט זיך ווידער פערהאַקט אַ טיר און איך בין פערבליבען אַליין.

מיין צימער האָט געהאַט דריי טריט מיט אַ האַלבען אין דער ברייט און זעקס אין דער לענג. דער באַלקען איז געווען אַ קיילעכיגער, די וועגד אויסגעווייסט מיט וואַפנע. אָבער אַזוי ווי פון אַלטקייט איז פיל מאָל, קענטיג, אָבגעפאַלען די שטו-קאַטורקע, האָבען די וועגד אויסגעזעהן גרוי און שמוציג, און אויף די אַרויסגערוקטע ערטער האָט זיך געצויגען אַ געדיכטער שטויב אין לאַנגע טונקעלע לענטעס. ביי דער הינטער-וואַנד איז געשטאַנען אַ קיילעכיגער אויוען; אין דער וואַנד, ביי דער טיר, איז געמאַכט געווען אַ לאָך, בעדעקט מיט אַנ׳אייזערנעם ברע-טעל. דורך דעמדאָזיגען לאָך האָט מען דעם אַרעסטירטען דער-לאַנגט דאָס עסען און וואַסער (דעריבער, וואַהרשיינליך, האָב איך לכתחילה אַ טראַכט געטאָן, אַז דער שליסעל פון דער טיר ליגט נישט ביים שומר, נאָר אין דער קאַנטאָר). אַנ׳אָבשטויסענ-דיגע „פּאַראַשקע"—אַנ׳אַלטער פערזשאַווערטער אייזערנער עמער מיט אַ דעקעל—האָט פערשפּרייט אַרום זיך אַ שווער-איבעלדיגען געשטאַנק, צו וועלכען איך האָב מיך אָבער איינגיכען צוגעוועהנט. דאָס מעבעל איז בעשטאַנען פון אַ הילצערנער בעט און אַ קליין טישעל.

אין קאַמער איז געווען ווענינ ליכט. אמת, דרויסען איז שוין געווען פאַרנאַכט, דאָך אָבער איז נאָך געווען גאַנץ ליכ-טיג. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער, וואָס איז געשטאַנען גאַנץ הויך, און דאָ האָב איך מיך איבערצייגט, אַז דער שטח אונטער׳ן פענסטער, וואָס ליגט אויפ׳ן הויף צווישען אַ גאַניקל און דער וואַנד פון דער טורמע-שניידעריי, איז אַרומגעצוימט מיט הויכע ברעטער, און זעהן קאָן מען נאָר אַ ברעקעל הי-מעל.

איך האָב אויסגעטאָן דעם מאַנטעל, צוגעגאַנגען צום פענ-סטער, זיך אָנגעלעהנט אויפ׳ן טיש, איפגעהויבען דעם קאָפּ

און גענומען קוקען אויפ׳ן שטיקעלע הימעל, וואָס איז אַדורכגעשניטען מיט פירקאַנטיגע הויכע ברעטער. מעהר האָב איך, דעם אמת געזאָגט, נישט געהאַט וואָס צו טאָן. און אויף דעם שטיקעלע הימעל, וואָס האָט געלויכטען פון אויבען צו מיר, האָבען וואָלקענס שטיל זיך איבערגערוקט. נאָכדעם האָט זיך בעוויזען דער סערפּ פון אַ יונגער לבנה, וואָס איז לאַנגזאַם געשוואומען אין דער הויך, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער מאַכט זיך פּאַוואָליע אַ וועג צווישען די שפּיצען פון די ברעטער. דער לבנה-סערפּ האָט מיר דערמאָנט אין גאָטס ברייטער און פרייער וועלט, אין די פעלדער און בערג, וועלכע איך האָב נישט לאַנג געזעהן און אַז אויף דעם אייגענעם סערפּ וועלען אין עטליכע שעה אַרום קוקען די אויגען פון יענע מענשען, וואָס זענען מיר נאָהנט און טייער, און זיי וועלען אפשר טראַכטען פון מיר. אָבער קיין איינעם פון זיי וועט נישט איינפאַלען, אַז אין דערדאָזיגער משונה׳דיגער נאָרע ליג איך איצט אַנ׳אָבגעטיילטער פון דער גאַנצער לעבעדיגער וועלט. און די לבנה און דאָס שטיקעלע הימעל זעה איך אפשר אַ דאַנק דער נאַכלעסיגקייט פון נאַטשאַלסטוואָ...

נאָכדעם האָט זיך דער לבנה-סערפּ אַנידערגעשטעלט מיט איין שפּיץ אויפ׳ן לעצטען ברעט פון פּאַרקאַן. ביי אַ האַלבע מינוט איז ער געשטאַנען אויפ׳ן ברעט און איז נאָכדעם נעלםגעוואָרען פון מיין איינגען האָריזאָנט, איבערלאָזענדיג מיך אין מיין נאָרע מיט אַ האַרץ פול בענקעניש, געריהרט פון זכרונות און מיט גרויס רחמנות צו זיך... אין דער טונקעלקייט זענען מיר טרעהרען צוגעטראָטען צו די אויגען. איך האָב געוואָלט אַנידערפאַלען אויפ׳ן בעט, זיך איינגורען מיט׳ן פּנים אין קישען און זיך צעוויינען, ווי איך האָב געוויינט, בשעת איך בין געווען אַ קינ

איך האָב מיך אָבער נישט דערלאָזט דערצו. פאַר דער גאַנצער צייט פון מיינע וואנדערונגען איבער די טורמעס האָב איך מיך געסטאַרעט צו האַלטען זיך אין די הענד און

דריי זאַכֿען האָב איך מיר קיינמאָל נישט דערלויבט אין תפיסה: שלאָפען בייטאָג, וואַלגערן זיך אויפ׳ן בעט, בשעת מען שלאָפט שוין נישט און—זיך צוגיסען מיט זיסע זכרונות, וואָס ווערען דערוועקט פון איינזאַמקייט, בענקשאַפט און טיילמאָל צורודער־טע נערוועז.

אויך איצט האָב איך מיך נישט אונטערגעגעבען. איך האָב מיך אַפילו אין בעט נישט געלעגט און האָב גאָר גענומען טראַכטען, ווי אַזוי טייטש-מען אויס דידאָזיגע ווילדע בעהאַנדלונג פון דער טורמע-נאַטשאַלסטווא? צו וואָס האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין דעמדאָזיגען שטייגעל, וואָס איז בעשיינפערלעך קענטיג, אַז דאָס איז בעשטימט פאַר אַנ׳אונגעוועהנליך-שטרענגען אַרעסט; טויזענד־ווילדע רעיונות זענען מיר געקומען אין קאָפ אַריין. מיר האָט זיך געדאַכֿט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל פון דאַנען נישט אַ־רויס. איך האָב מיר דערמאָנט אין דער מינע פון גובערנאַטאָר, זיין שטיל איבערשעפטשען זיך מיט׳ן פּאָליצמייסטער, די וואַרי־מע בעדויערונג אין דעם פּאָליצמייסטערס שענע און זאָרגלאָזע אויגען, זיין איבערשעפטשען זיך מיט׳ן סמאָטריטעל און דעם לעצטענס פערשטיינערט געזיכֿט. נאָכֿדעם איז מיר געקומען אויפ׳ן רעיון מיין פערברעכֿען גופא, וואָס איז, ווי מיר האָט געזאָגט דער פערמער גובערנאַטאָר, אַ גוטער מענש, גאָרנישט פאָראויסגעזעהן דורכ׳ן געוועהנליכֿען בעשטראָפונגס-קאָדעקס, אָבער עס מוז דאָך בעשטראָפט ווערען. נאָכֿדעם האָב איך מיך דערמאָנט אין יענעם אומשטאַנד, וואָס האָט מיר דעמאָלט אויס־געוויזען גאַנץ נאַטירליך: דער גוטער מענש—דער גובערנאַטאָר איז אַוועקגעפאָהרען פון שטאָדט סאַמע ערב מיין אַרויסשיקונג, און איצט האָב איך עס מיר דערקלערט פאַר אַ שפּיצעל פון פּילאַטוס, וואָס צוואַשט זיך די הענד...

דאָס אַלץ איז געווען ווילד, שוואַרץ, נאַריש, אָבער אויך די לאַגע מיינע איז געווען ווילד און שוואַרץ... איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער פעסט-פערשלאָסענער טיר, אויפ׳ן אייזער־נעם אויוועז, אויף די ווענד פון דעם שטיינערנעם זאַק... דאָ

קאָן מען אומקומען אַזוי, אַז אַ האָן זאָל נישט אַ קרעה טאָן... נאָכדעם, ווידער, איז מיר איינגעפאַלען, אַז ווען מען זאָל, אַ שטייגער, פערמאַכען אָט דעם אויוועו, בשעת ער איז פול מיט טשאַד...

עס האָט זיך בכלל אָנגעהויבען עפּיס אַ ווילדער קאָשמאַר...

—באַרין, נעהמט דאָס ליכטעלע!

דאָס לאָך אין וואַנד, אויפ׳ן שטייגער פון אַנ׳אויוועון-טי־רעלע, האָט זיך געעפנעט. אין איהם האָט אַ שימער געטאָן אַ פייער, און אַ האַנד מיט אַ לייכטער האָט זיך אויסגעצויגען. אין צימער איז געוואָרען ליכטיגער, אָבער נישט היימליכער. פּאַוואָ־ליע, נישט געאיילט האָב איך גענומען דאָס ליכט. מיר האָט זיך געוואָלט פערפיהרען אַ שמועס מיט׳ן שומר. די עטליכע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַנ׳אנגענעהמען ברוסט־קול. אין איהם, אין דעמדאָזיגען קול, האָבען זיך געהערט די איינפאַכע באָטקעס פון אַ גוטמוטיגען מענשען, און איך האָב מיך באַלד דערמאָנט, אַז דאָס איז דער אייגענער שומר, וואָס האָט דער־ערשטער מיך פערבעטען אין נאָרע אַריין מיט אַ העפליכען„געהט אַריין.״

גענומען דאָס ליכט פון זיין האַנד, האָב איך תיכף צו־געטראַכט עפּיס אַ געלעגענהייט צו אַ ווייטערדיגען שמועס און האָב מיך אָנגערופען:

—איהר ווייסט, איך בין הונגעריג.

—אָך, באַרין,—האָט מיר געענטפערט דער אונגעזעהענער שומר,—היינט זענט איהר נאָך נישט איינגעשריבען, קומט אייך נישט.

—אין קאַנטאָר האָב איך געלד, אפשר קאָן מען געהן עפּיס קויפען פאַר מיר.

—ניין, באַרין, דאָס איז אונמעגליך. דאָ איז זעהר שטרענג. ווען איהר וואָלט, אַ שטייגער, געזעסען אין דער אַל־געמיינער אָדער אין דער אויספאָרשונגס־טורמע, וואָלט מען גע־קאָנט, אָבער דאָ איז דאָך אַ טורמע פאַר קאַטאָרזשניקעס פונ׳ם מיליטער.

גערעדט האָט ער שטיל, פונקט ווי ער וואָלט זיך גע־שראָקען, אַז עמיץ וועט צולעגען אַנ׳אויער צו אונזער שמועס. נאָכדעם האָט ער אַזוי ווי וואַקלענדיג אויסגעצויגען די האַנד, אָנגענומען דאָס לאָך־טירעל, צו פערמאַכען עס, אָבער די האַנד האָט זיך אַ ווײַלע פערהאַלטען. לסוף האָט ער עס צוגעמאַכט.

דעמאָלט האָב איך מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז איך בין זעהר הונגעריג. אינדערפריה האָב איך געטרונקען בלויז טיי, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז מיר וועלען קומען פריה קיין טאָבאָלסק. איך האָב אויך געמיינט, אַז מיר וועלען זיך בלויז מעלדען ביים פּאָליצמייסטער, און באַלד דערויף וועלען מיר אַוועקפאָהרען ווייטער. דאָס בלייבען שטעקען אין דעמדאָזיגען זאַק איז גאָרנישט אַריין אין מיינע חשבונות. איצט האָט זיך אָבער שטאַרק געלאָזט שפּירען דער הונגער, נישט־געקוקט דערויף, וואָס איך האָב מיך שטאַרק אויפגערעגט פון דער אונגעריכטער לאַגע. איך האָב אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפ׳ן ברעג פון אויווען און געמאַכט דאָס געלעגער. נאָכדעם האָב איך מיך אַ־נידערגעזעצט און געפּרובט נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויפ׳ן הימעל. אָבער דאָס שטיקעל הימעל איז געווען שוואַרץ, און די פאַר־קאַן־ברעטער זענען אַזוי ווי נאָהנט צוגעגאַנגען, בעלויכטען מיט׳ן געלבען פייער פון מיין פענסטער. האָב איך מיך אָבגע־

קעהרט און גענומען בעטראַכטען די ווענד. דאָס לאָך-טירעלע האָט זיך ווידעראַמאָל געעפענט. איך בין צוגעגאַנגען. אַ האַנד האָט זיך אויסגעצויגען און דער שומר האָט אַריינגערוקט אַ הילצערן שיסעלע מיט אַ ביסעל קרויט און אַ שטיקעל ברויט.

—נעהמט נישט פאַר אומגוט,—האָט ער געזאָגט מיט דער גאַסטפריינדליכקייט פון אַ פשוט׳ען מענשען.

איך האָב עטוואָס געקווענקעלט.

—נעהמט נישט פאַר אומגוט,—האָט ער נאָכאַמאָל איבער-גע׳חזר׳ט.

—און איהר אַליין,—האָב איך נישט-ענטשלאָסען געזאָגט.

—צו וואָס מיר? איך האָב שוין אָבגעגעסען. אָבער איה־זענט פון וועג.

דאָס איז געווען אַנ׳אמת. איך האָב דערשטיקט אין זיך דעם לייכטען פראָטעסט קעגען דער נדבה פון אַ תפיסה-שומר, וואָס אין זיין געשטאַלט האָב איך איצט געזעהן אַ פשוט׳ען, גוטען און דעליקאַטען מאַן. האָב איך גענומען דאָס שיסעלע מיט׳ן ברויט... אין אַ פערטעל שעה אַרום האָט ער אַ קוק גע-טאָן אין לאָך פון דער טיר און אַ זאָג געטאָן:

—האָט איהר געענדינט, גאָספּאָדין?

—געענדיגט, אַ דאַנק.

גיט מיר דאָס שיסעלע. באַלד וועט זיין די נאָמען-קאָנ-טראָלירונג. דער סמאָטריטעל וועט דערזעהן ביי אייך מיין שי-סעלע. דאָס וועט נישט טויגען.

דער גוטער מענש האָט זיך, אַפנים, געשראָקען אַרויס-צעווייזען איבעריגע גוטסקייט פאַר די אויגען פון זיין נאַ-טשאַלניק.

איינגיכען איז באמת אַריינגעדרונגען אין מיין נאָרע אַ פערשטיקט קלאַפען פון אַ פויק, און אין אַ פערטעל שעה אַרום האָבען זיך אינ׳ם שומר׳ס צימער דערהערט טריט, קולות, אַ קלינגען פון שפּאָרען און אַ קלאַפען פון ביקסען-קאָלבעס. מיין טיר איז שנעל געעפענט געוואָרען, און די אַלע קלאַנגען זע-

נען אַרייינגעגאָסען געוואָרען אין מיין איינצעלקאַמערל. נישט־געקוקט אויף דער געוועהנהייט, איז דאָך שווער בייצוקומען אַ געוויסע פערלעגענהייט, בשעת עס עפענט זיך די טיר און אַ צעהנדליג אומבאַקאַנטע מענשען קוקען אויף אייך בלויז לשם קוקען. פאַראויס איז געשטאַנען נאָך גאָר אַ יונגער אָפיציר און דעריבער איז איהם אויך געווען נישט גאָר הענטיג. דערביי האָט זיך געזעהן דאָס שטיינערנע געזיכט פונ'ם סמאָטריטעל. דער עלצטער האָט אַ פיהר געטאָן מיט'ן אויג איבער מיין נאָרע איבער מיר און מיינע זאַכען, און דער בליק איז געווען עפּיס אַ רעטזעלהאַפטער, און אַרויסגעלייענט האָב איך פון איהם אַ מין אינערליכע בעפרידיגונג. דער סמאָטריטעל האָט, אַפּנים, איינגעפונען, אַז אַלץ געהט כשורה.

—פיראָונדרייסיג!—האָט דער אָפיציר איבערגעצעהלט לויט'ן פּאַפּיר.

און דער פעלדפעבעל האָט געענטפערט:

—פאַרהאַן!

און די טיר איז ווידעראַמאָל פערהאַקט געוואָרען.

איך האָב מיך נעפיהלט מיד; פון יעקאַטערינבורג, וואו דער אייזענבאַהן-וועג האָט זיך אין יענער צייט געענדיגט, האָב איך נישט געשלאָפען אָדער געשלאָפען בלויז אויפ'ן פּאָסט־וואָגען. און דעריבער האָב איך מיר דערלויבט, איך זאָל מיך דאָסמאָל לעגען אַ ביסעל פריהער, ווי געוועהנליך.

דער עפּיזאָד מיט'ן שיסעלע און דאָס, וואָס הינטער דער וואַנד געפינט זיך אַ גוטער מענש, האָט צוזייהט מיינע מרה־שחורה'דיגע רעיונות. איך האָב מיך אַנידערגעלעגט און באַלד איינגעשלאָפען מיט אַ שטאַרקען זאָרגלאָזען שלאָף

Free Public Library, Newark, NJ

IV.

אויפגעשטאַנען בין איך גאַנץ פריה. איך האָב מיך באַלד אָנגעטאָן, זיך אָרומגעוואַשען מיט׳ן קרוג איבער דער „פאַראַשע״ און גענומען בעקוקען מיין וואוינונג...

קודם האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגען אַ גרויסער צוצויגענער פלעק אויף דער וואַנד, ענליך צו אַ געשריבען שורה׳לע. צוגעגאַנגען נעהנטער, האָב איך דערזעהן, אַז דאָס איז באמת אַן אויפשריפט, טיף אויסגעקריצט מיט אַ טשוואָק אין דער וואַנד און נאָכדעם, קענטיג, אַראָבגעקראַצט. איבערלייענען האָט מען, ווייזט-אויס, גאָרנישט געקאָנט. אפנים, אַז דאָס איז געוועזן די פאַמיליע פון דעמיעניגען, וואָס איז דאָ פריהער געזעסען אין קאַמער. דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלען, אַז דעמדאָזיגען ענין קאָן מיר קלאָר מאַכען מיין שומר. און טאַקי באַלד, נאָך דער באַמען-קאָנטראָלירונג, האָב איך אָנגעקלאַפט אין טיר.

—הערט-נאַר,—האָב איך אַ זאָג געטאָן.

—וואָס ווילסטו?—האָט מיר געענטפערט אַ גראָבע שטים.

מיט גרויס עגמת-נפש האָב איך מיך איבערצייגט דערין, אַז מיין שומר האָט זיך געטוישט מיט׳ן צווייטען. דאָס איז אויך געווען איינער פון מיינע נעכטיגע צוויי בעגלייטער, וואָס האָט מיך דער ערשטער „געדוצעט“ און גראָב געפּאָדערט, איך זאָל אַריינגעהן אין קאַמער.

—ערשטענס, בעדאַרף מען זיך נישט „דוצען,“—האָב איך געזאָגט מעגליכסט רוהיג.

—דו רייד, רייד נאָך!

בין איך אַוועק פון דער טיר.

זיצט מען אין אַן׳איינצעלקאַמער, זענען נישטאָ אַזוינע הערראָגריפען, וואָס מען זאָל זיי נישט קאָנען פונאַנדערקלויבען. צעהנדליגע מאָל בין איך צוגעגאַנגען צו דער אַראָבגעקראַצטער אויפשריפט און האַלבע שעה׳ן נאָכאַנאַנד בין איך געשטאַנען פאַר איהר. דידאָזיגע אויפשריפט האָט מיך בעזונדערס אינטערעסירט דערפאַר, ווייל אויף די וועגד איז, אויסער איהר, קיין זכר פון אַ געשריבען וואָרט נישט געווען. געוועהנליך זענען די טורמע-וועגד פערשריבען פון אַלע זייטען. אַ שטיקעלע בלייפעדער, אַמאָל אַ קויהל, אַ טשוואָק אָדער גאָר אַן׳אָבגעבראָכענער שפּיץ פון אַ זאַפּאַלקע זענען שטענדיג דאָס געצייג פון דערדאָזיגער תפיסה׳דיגער וואַנד-ליטעראַטור. „דער יוד ג. האָט דאָ געליטען גאָר אַן׳אונשולדיגער.“ דאָס איז געווען די ערשטע אויפשריפט, וואָס איך האָב איבערגעלייענט בשעת מיין ערשטען אַרעסט אין פּאָליציי-צירקעל. נאָכדעם האָט אַן׳איינמידענדיגער שטריכעלעך-שורה אויף דער וואַנד אָנגעצייכענט טאָג פאַר טאָג אַן׳אונענדליך לאַנגע קייט פון טעג, וואָס דערדאָזיגער אונשולדיגער יוד האָט דאָרט פערבראַכט. איך געדענק, אַז איך האָב אָנגעצעהלט 72 טעג און מיר האָט אויסגעוויזען ממש משוגע און זינלאָז, וואָס מיך, בפירוש מיך, וולאַדימיר קאָראָלענקאָ׳ן, אַ מענשען, וואָס ווערט אין קיין זאַך נישט בעשולדיגט, זאָל מען קאָנען האַלטען נאָך לענגער פון דעמדאָזיגען טערמין. נאָכדעם האָב איך גענומען אַליין שטעלען

מיינע שטריכעלעך, און או-וואַ!—אויב מען זאָל בערעכענען די אַלע טעג, וואָס איך האָב דאָרט פערבראַכט, ווי דערדאָזיגער אונזעהעוודיגער יוד, דער בעל-יסורים, צווישען פיר שווייגענדיגע ווענד, וואָלטען זיי געווען אַ סך, אַ סך מעהר.

על-פי-רוב בעציהט זיך נאַטשאַלסטוואָ גאַנץ טאָלעראַנט צו דידאָזיגע צייכענס. אין די עטאַפען-טורמעס פון סיביר זעהען די ווענד אינגאַנצען בעשריבען מיט פערשידענע ווענדונגען צו די קינפטיגע איינוואוינער פון די קאַמערן. „זאָגט, ברידער, דונקע פאָלטאַווסקאַ׳ן, אַז ניקאָפאָר וועט זי אָבוואַרטען אין אַטשינסק,‟ „ברידער, איוואַן סעמיאָנאָוו פון טומען איז אַ פעררעטער.‟ „געקומען אויף קאַטאָרגע אין סעפּטעמבער, פּאַוועל גאַרקושין. אַ גרוס מיינע זעמליאַקעס ‟, א. אַז. וו., און אַז. וו. די לירישע האַרץ-אויסגיסונג, אין אַ פּראָזאַאישער אָדער לידערפאָרם, טראָגט טיילמאָל אַריין אַ פערשידענאַרטיגקייט אין דעמדאָזיגען מין פּובליקאַציעס, וואָס דער וואונש איבערצולאָזען ערגעץ אַ קלאַנג וועגען דעם אייגענעם ביטערן לעבען אָדער איבערצוגעבען עפּיס אַ געשעפטליך ידיעה׳לע, רופט זיי אַרויס.

אין מיין קאַמער זענען די אַלע אויפשריפטען מיט גרויס כונה אָבגעמעקט געוואָרען און פערשמירט מיט וואַפּנע. געבליבען איז נאָר דער ברייטער און לאַנגער קראַץ, וואָס איז צוטיף איינגעשניטען געוואָרען, אַז מען זאָל איהם קאָנען אינגאַנצען אָבמעקען.

אויספאָרשענדיג איהם, האָב איך קודם בעמערקט, אַז דער קראַץ יוערט געטיילט אויף צוויי חלקים. דער צווייטער חלק איז קירצער געווען. אַפּנים, אַז די פאַמיליע איז בעשטאַנען פון אַ קלענערער צאָהל אותיות, איידער דער נאָמען. דער נאָמען האָט מיר וועניג גערעדט, די פאַמיליע אָבער האָט מיר געקאָנט זיין בעקאַנט...

און מיט גרויס התמדה האָב איך געשטודירט די פאַמיליע.

זי האָט זיך, קענטיג, אָנגעהויבען מיט אַ קרייז און מיט אַ קרייז אויך געענדיגט. די סימנים פון די פערקיילעכדיגטע אותיות

זענען גאַנץ דייטליך פערבליבען. נאָכדעם האָב איך בע׳חשבונ׳ט די צאָהל פערטיפונגען לויט דער צאָהל פון די אותיות, און נאָך לאַנגע השערות בין איך געקומען צום בעשלוס, אַז דאָ זענען געווען זעקס אותיות. האָב איך נאָר אָנגענומען, אַז דער ערשטער אות האָט געקאָנט זיין אַ Θ און דער לעצטער אַ Ъ, האָב איך מיך באַלד אָנגעשטויסען אויף אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך אַלץ מעהר און מעהר איבערצייגט.

יאָ, איך האָב מיך זיכער געפונען אין פאַמינס קאַמער.

V.

פון דעם 25-טען אויגוסט, כמעט מיט אַ יאָהר צוריק, ווי עס איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען, האָב איך פערבראַכט עטליכע טעג איז דער אייגענער טורמע אין טאָבאָלסק, אָבער אין אַ צווייטער אָבטיילונג. איינמאָל איז צו מיין טיר צוגעגאַנגען אַנ׳אַרעסטאַנט, וואָס האָט, דאַכט זיך, געהייסען יעפרעמאָוו, און האָט מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע, געשריבען אויף אַ שטיקעל גרוי פּאַפּיר. פון דעמדאָזיגען צעטעלע האָב איך מיך דערוואוסט, אַז אין דער טאָבאָלסקער טורמע, אין דער אָבטיילונג פאַר מיליטער-קאַטאָרזשניקעס, זיצט שוין דאָס דריטע יאָהר, אונטער דעם שטרענגסטען איינצעל-אַרעסט, אַ פּאָליטיש-פער׳משפט׳ער, „וואָס פאָמין גיט ער אָן פאַר זיין פאַמיליע-נאָמען.“

זיין געשיכטע איז נאָך ביי אַלעמען געווען פריש אין זכרון. נאָך דעם אַזויגערופענעם גרויסען פּראָצעס (אין די יאָהרען 78—1877) האָט מען די פער׳משפט׳ע קאָוואַליק און וואָינאַראַלסקי, אָנגעזעהענע טוער אין דעם פרידליכען פּעריאָד פונ׳ם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אַריבערגעפיהרט פון פּעטערבורג

אין דער בעלגאָראָדער כאַרקאָווער צענטראַל-טורמע. אין דערדאָזיגער צייט זענען אינמיטען העלען טאָג, אויפ'ן שאָסיי, אויף די אויגען פון די היי-שניטער און שניטערינס, וואָס האָבען געאַרבייט אין פעלד, בעפאַלען צוויי רייטער די פּאָסט-טראָיקע, אין וועלכער עס איז געזעסען וואָינאַראַלסקי מיט צוויי זשאַנדאַרמען; דורך אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער האָבען זיי דער'הרג'עט איינעם פון די זשאַנדאַרמען און אויפ'ן שאָסיי האָבען זיי זיך לאַנג נאָכגעיאָגט נאָך דער אַנטלאָפענער טראָיקע. די מורא צו פערוואונדען דעם אַרעסטאַנט האָט געשטערט די אָנפאַלער צו שיסען, און דאָס שנעלע לויפען פון די פערד—צו דער'יאָגען זיי. אינגיכען זענען זיי אָבגעשטאַנען. און דער גאַנץ-פערבליבענער זשאַנדאַרם מיט'ן דער'הרג'עטען חבר און דעם אַרעסטירטען וואָינאַראַלסקי'ן זענען אַוועקגעפאָהרען ווייטער. זיי זענען שוין געווען נאָהנט פון זייער בעשטימטען פונקט, בשעת נאָך אַ רייטער איז זיי אַנטקעגען אַרויסגעפאָהרען פון שליאַך אויפ'ן שאָסיי. דער זשאַנדאַרם האָט שוין גרייט געהאַלטען זיין רעוואָלווער, זיכער דערין, אַז דאָס איז אַ פערשפעטיגטער אָנטיילנעהמער. דער רייטער איז אָבער פאַרבייגעפאָהרען.

שפּעטער האָט דער זשאַנדאַרם דערקאָנט אין יונגענמאַן, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען אויפ'ן וואָקזאַל, דעם דריטען רייטער, און די ווייטערדיגע אויספאָרשונג האָט בעוויזען, אַז דערדאָזיגער יונגערמאַן, „וואָס פּאָמין גיט ער אָן פאַר זיין פאַמיליע-נאָמען," איז איינער פון די טעטיגסטע אָנטיילנעהמער אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען, אַז איהם אַליין האָט מען שוין געפרובט בעפרייען אין אָדעס בשעת'ן פּראָצעס פון קאָוואַלסקי'ן און אַז נאָכדעם איז ער פאָרט אַנטלאָפען פון דער קיעווער טורמע. דאָס אַנטלויפען איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט אַ סך איינפאַל און זעלטענער דרייסטקייט. מורא-האָבענדיג, אַז מען זאָל איהם ווידעראַמאָל נישט פרובען בעפרייען, האָט מען איהם, נאָכ'ן פער'משפט'ען, אַוועקגעפיהרט פון רוסלאַנד מיט אַזויפיל פאָרזיכטיגקייט און השגחה, אַז אַ לאַנגע צייט האָט קיינער נישט

געוואוסט, וואו מען האָט איהם אַהינגעטאָן. איצט האָט ער מיר אין זיין צעטעלע מיטגעטיילט, אַז געפיהרט האָט מען איהם אונטער אַ נומער, אַז אַפילו די זשאַנדאַרמען האָבען נישט געוואוסט זיין פאַמיליע, אַז בעגלייט האָבען איהם גאַנצע פינף זשאַנדאַרמען, אַז פון פונקט צו פונקט זענען מיט איהם געפלויגען פאָראויס-געוואָרענטע אַסעסאָרס, און אַז אויף די סטאַנציעס, וואו מען האָט זיך בעדאַרפט טיילמאָל צושטעלען, האָט מען צוזאַמענגערופען דעם המון און אַ גאַנצע נאַכט געברענט שייטערס האָלץ אַרום און אַרום.

דידאָזיגע אויסטערלישע געשיכטע האָט מיר לכתחילה אויסגעוויזען פערדעכטליך: אין די טורמעס זענען שטענדיג פאַרהאַן אַ סך בעלנים צו דערצעהלען אַזוינע בבא-מעשיות פאַר די פּאָליטיש-פערשיקטע, אויסצונאַרען פון זיי געלד. פונדעסטוועגען האָב איך איהם געענטפערט, און אַזוי אַרום האָבען מיר זיך אָנגעהויבען דורכצושרייבען. דער אַרעסטאַנט, וואָס האָט דערלאַנגט פּאָמינ׳ען דאָס עסען, איז געווען אונזער בריפטרעגער.

ווי די תפיסה איז נישט שטרענג, דאָך וועט די לאַנגע פּראַקטיק פאָרט געפינען עפּיס אַ וועג, און דער אַרעסטאַנט האָט טיילמאָל געקאָנט כאַפּען אַ פּאָר ווערטער מיט פּאָמינ׳ען אָדער איבערגעבען איהם אַ צעטעלע. דאָס האָט מיך נישט געוואונדערט.

אין איין צעטעלע האָט מיר פּאָמין מיטגעטיילט, אַז ער זיצט שוין אין זיין נאָרע דאָס דריטע יאָהר און איז נאָך קיין איין מאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט. מען לאָזט איהם נישט אַרויס שפּאַצירען, אַפילו אין באָד פיהרט מען איהם נישט. איין מאָל אין חודש טראָגט מען אַריין אין זיין קאַמער אַ גרויסע וואַנע, און ער וואַשט זיך אַרום. דערביי שטעהט דער סמאָטריטעל און דער טורמע-שומר. דאָס געוויסען האָט אַפילו נישט געשטערט דעם סמאָטריטעל צו חוזק׳ן איבער דעם אַרעסטירטען, וואָס „וואַשט זיך אין אַ וואַנע, ווי אַ שררה.“

פּאָמינס איינציגער צייט-פערטרייב איז בעשטאַנען דערין,

וואָס ער פלעגט מאַכען פיגורלעך און צאַצקעס פון געקנאָטען ברויט—אַ קונסט, וואָס האָט, ווי איך געדענק, בעזונדערס געבליהט צווישען די אַרעסטירטע פאַר דעם אויפשטאַנד פון די פּאָלאַקען. מיין געבורטסשטאָדט זשיטאָמיר איז דעמאָלט פול געווען מיט דידאָזיגע אויסאַרבייטונגען, מחמת דאָס קויפען זיי איז געווען אַ לעגאַלע פאָרם פון הילף פאַר די אַרעסטירטע.

פּאָמינ׳ען האָט זיך אַפילו איינגעגעבען צו מאַכען אַ גלאָבוס, וועלכען ער האָט אַוועקגעשענקט דעם סמאָטריטעלס אַ קינד. דעמאָלט האָט איהם דער סמאָטריטעל דערלויבט צו אַרבייטען ווייטער, האָט שוין פּאָמין געמאַכט אַ גאַנצען פּלאַנעטאַריום*). דערצו האָט ער זיך בענוצט מיט׳ן דראָט פון דער פענסטער-זיפּ. דער סמאָטריטעל האָט אַפילו לייכט געקוקט דערויף, מחמת ער האָט אָנגעהויבען פערקויפען די אויסאַרבייטונגען און פּאָמינ׳ען האָט ער געצאָהלט צ׳ רובל פון שטיק. וויפיל ער אַליין האָט בעקומען, איז פערבליבען אַ סוד.

ביסלעכווייז האָב איך פּאָמינ׳ען איבערגעשיקט פּאַפּיר, קאָנווערטען, צעהן רובל, וואָס זענען זעהר קונציג אַריינגעלעגט געוואָרען אינ׳ם עק פון אַ וואורשטעל און, צולעצט, עטליכע פענעס, אַ פענזעל און אַ שטיקעל טוש, וואָס איך האָט שטענדיג געהאַט מיט זיך (דאָס לאָזט זיך האַלטען זעהר בעקוועס און דינט אָנשטאָט טינט).

בעזונדערס האָט מיך געשראָקען דאָס געלד, ווייל דער אַרעסטאַנט-פערמיטלער וואָלט אַודאי נישט אויסגעהאַלטען דעם נסיון. אין דעם אייגענעם טאָג, בשעת איך האָב אַוועקגעשיקט דאָס געלד, איז אַ הויכער יונגער אַרעסטאַנט צוגעגאַנגען צו אונזער טיר און זיך פאָרגעשטעלט פאַר׳ן טורמע-סטאַראָסטע. דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַנ׳אָנגענעהמען אויסזעהן און געהאַלטען האָט ער זיך גאַנץ פריי

*) אַ מאָדעל, וואָס אילוסטרירט דעם מצב פון די פּלאַנעטען אין בעצוג צו דער זון און זייער בעוועגונג ארום איהר.

ער האָט מיך געפרעגט, צי האָב איך געשיקט פּאָמינ׳ען געלד און דערביי האָט ער מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז יעפרעמאָוו איז נישט קיין זיכערער מענטש. די „געזעלשאַפט" טרויט איהם נישט, און דער סטאַראָסטע האָט מורא, אַז ער וועט צו׳לקחנ׳ען דאָס געלד, וואָס איז בעשטימט פאַר פּאָמינ׳ען. איך האָב נאָך, נאַטירליך, קיין שום גרונד נישט געהאַט צו גלויבען דעמדאָזיגען אַרעסטאַנט, וואָס האָט געקאָנט אונטערגעשיקט ווערען נישט דורך דער „געזעלשאַפט," וועלכע פאַרטיידיגט די אינטערעסען פון אַנ׳איינגעשלאָסענעם אין אַנ׳איינצעלקאַמער, נאָר דורכ׳ן כמאַטריטעל. דעריבער האָב איך איהם קאַלט געענטפערט, אַז דאָס איז מיין זאַך, און צושיידט האָבען מיר זיך נישט זעהר וואַרים.

אויף מאָרגען האָב איך דורך יעפרעמאָוו׳ן בעקומען אַ צעטעלע, געשריבען, ווי די פריהערדיגע, מיט זעהר אַנ׳איינפאַכען שיפער. דאָס געלד מיט די איבעריגע זאַכען זענען ריכטיג איבערגעגעבען געוואָרען. וויל איך אָבער פערלויפען פאָראויס, מוז איך דאָך זאָגען, אַז דעם סטאַראָסטע און די עהרליכע וואָרנונג מצד דער טורמע-געזעלשאַפט דערמאָהן איך איצט מיט גרויס דרך-ארץ און דאַנקבאַרקייט.

אין סעפּטעמבער, דאָס יאָהר, מיט וועלכען עס הויבט זיך אָן דידאָזיגע דערצעהלונג, דאָס הייסט העכער אַ יאָהר נאָך מיין קאָרעספּאָנדירען מיט פּאָמינ׳ען, בין איך געווען אין טאָמסק. דאָרט האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין דער אַלגעמיינער קאַמער. אין דער אייגענער צייט איז דאָרט אויך געווען יעפרעמאָוו. ער האָט שוין געענדיגט זיין טערמין און איז שוין אַרויסגעשיקט געוואָרען אין זיין וואוין-פּונקט. געהאַלטען האָט מען איהם אָבער אָבגעזונדערט פון די עטאַפּ-אַרעסטאַנטען, ווייל די טורמע-געזעלשאַפט האָט זיך געוואָלט מיט איהם אָברעכענען. פּאָמין, האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט אָנגעשריבען אַ בריף און געגעבען יעפרעמאָוו׳ן געלד אונטערצוקויפען די נאַדזיראַטעלעס, וואָס האָבען אַריינגעוואָרפען דעם בריף אין פּאָסטקעסטעל. אין

דעמדאָזיגען בריף האָט סאָמין מיטגעטיילט זיינע חברים וועגען זיין תפיסה און געבעטען הילף. אָבער אַזוי ווי אויף זיין נאָמען האָט קיין שום פערקעהר נישט געקאָנט געמאָלט זיין, האָט ער אויפגעגעבען יעפרעמאָווס אַדרעס, אויף וועלכען מען זאָל איהם צַרויסשיקען געלד. צו דערדאָזיגער צייט האָט יעפרעמאָוו געהאַלטען ביים ענדיגען זיין תפיסה-טערמין. אינגיכען האָט ער ווירקליך בעקומען 70 רובל כלומר׳שט פון זיינע קרובים. די „געזעלשאַפט” האָט אָבער געוואוסט פאַר וועמען דאָס געלד איז דערהאַלטען געוואָרען און האָט געפאָדערט, אַז יעפרעמאָוו זאָל עס איבערגעבען סאָמינ׳ען. יעפרעמאָוו אָבער האָט זיך אַלץ אַרויסגעדרעהט און, צולעצט, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרען פון טורמע אין זיין וואוין-פונקט. אין דער צייט האָב איך איהם געטראָפען אין דער טאָמסקער טורמע און האָב איהם נישט דערקאָנט, מחמת איך האָב איהם שוין נישט געזעהן ביי אַ יאָהר צייט. פונדעסטוועגען האָב איך דאָך בעמערקט, אַז דער בעגעגענטער אַרעסטאַנט, וואָס איז מיר געווען עפיס קענטליך, האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און זיך אַזוי ווי צוזאַמענגעקנוידערט, ווי אַ פערשולדיגטער הונד. אויף מאָרגען איז אין טורמע געקומען אַ ידיעה פון דער עטאַפען-תפיסה, אַז יעפרעמאָוו איז אַ „פעררעטער פון דער געזעלשאַפט” און עס איז איבערגעגעבען געוואָרען די גאַנצע מעשה מיט סאָמינ׳ען... מען האָט איהם גוט צו׳ממיח׳ט.

אַ גאַנצען טאָג האָט זיך דער אומגליקליכער אויסבעהאַלטען אונטער די נאַרעס אין די לעדיגע קאַמערן, און בשעת דער נאָמען-קאָנטראָלירונג איז ער געפאַלען כוראים פאַר׳ן סמאָטריטעל, מען זאָל איהם איבערפיהרען אין די סעקרעטקאַמערן. האָב איך געבעטען די אַרעסטאַנטען, זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף דעם אומגליקליכען אויסוואורף. האָט מען מיר געענטפערט, אַז אין דערדאָזיגער טורמע איז נישטאָ קיין סכנה פאַר זיין לעבען. די, וואָס זיצען מיט אַ בעשטימטען טערמין, וועלען זיך נישט בעשליסען צו דער׳הרג׳ענען איהם, אָבער די גאנצע צייט וועלען זיי איהם שלאָגען, ווי אַ הונד. ווען דאָ

וואָלטען זיך געפונען קאַטאָרזשניקעס, וואָלט קיין שום סעקרעט-קאַמער נישט אַרויסגעראַטעוועט דעם פעררעטער. זיי האָבען אַפילו פּאָמינ׳ען נישט געקאָנט, דאָך האָבען זיי איהם גע-האַלטען פאַר אַנ׳אייגענעם: ער איז דאָך עפּיס געזעסען אונ-טער אַזאַ שטרענגען רעזשים אין דער קאַטאָרגע-טורמע.

זינט איך האָב פּאָמינ׳ען צוגעשיקט דאָס געלד און פּעדערס, איז אַוועק אַ יאָהר. און אָט זיץ איך אַליין אין דער אייגענער לאַגע און, ווי עס שיינט, אויך אין דער אייגענער קאַמער. פּאָמין האָט מיר דעמאָלט געשריבען, אַז מיט גרויס מיה און אָנשטרענגונג געלינגט איהם צו בעהאַלטען די נישט-דערלויבטע זאַכען, מחמת אַלע טאָג מאַכט מען ביי איהם שטרענגע רע-וויזיעס.

האָב איך איצט גענומען זוכען זיינע פערבאָרגענע ער-טער. איך האָב אַרומגעזוכט די ווענד, די פענסטער-ראַהמען, יעדעס שטריכעלע אינ׳ם אייזערנעם אויוועז, אָבער געפונען האָב איך גאָרנישט. צולעצט האָב איך אַרומגעזוכט די בעט. געווען איז זי אַ הילצערנע, גראָב בעצויגען מיט אַ טונקעלען פאַרב. נאָכדעם, ווי איך האָב זי גוט אויסגעפאָרשט ממש צאָהל נאָך צאָהל, האָב איך בעמערקט, אַז איין אָרט אין ווענדטעל איז עטוואָס נישט גלייך געווען און האָט אויסגעזעהן אַ ביסעלע טונקעלער. האָב איך אַ פּריב געטאָן מיט אַ נאַסען פינגער, איז דער פינ-

גער שוואַרץ געוואָרען, בשעת אויף די איבעריגע טיילען פון דער בעט האָט דער פאַרב נישט געפלעקט. דעמאָלט האָב איך גענומען אַרומטאַפּען דאָסדאָזיגע אָרט. האָב זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס אָרט איז בעצויגען מיט אַ דינעם פאַך פון ווייכען ברויט און בעצויגען מיט טוש. האָב איך אַראָבגעריסען דאָס דינעטשקע ברויט-הייטעלע און דערזעהן אַ פערטיפונג נישט מעהר פון דריי קוואַדראַט-צאָהל די ברייט און אָנדערטהאַלבען צאָהל די טיף, בעדעקט מיט אַ דין בעוועגליך ברעטעלע. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרען מיט יענער קונסט, וואָס לאָזט זיך זעהן אָדער ביי זעהר אַ גוטען געשיקטען סטאָליער אָדער ביי אַן׳אַרעסטאַנט פון אַן׳איינצעלקאַמער. בכדי מען זאָל נישט בעמערקען די גאַנצע מאַכינאַציע, האָט די געשיקטע האַנד בעדעקט דאָס ברעטעלע מיט אַ פאַך ברויט און אויבען בעצויגען מיט טוש. דאָס האָט געגעבען אַ פולשטענדיגע אילוזיע פון׳ם בעט-פאַרב. מיט דער היץ פון אַ מענשען, וואָס האָט געפונען אין אַ מדבר די סימנים פון נאָך אַ מענשען, האָב איך אַוועקרוקט דאָס ברעטעלע. אין דער פערטיפונג איז געלעגען אַ צונויפגעוויקעלט שטיקעלע פּאַפּיר, צוויי שטאָלענע פענעס און אַ שטיקעל טוש.

קודם האָב איך מיט גרויס דורשט פונאַנדערגעוויקעלט דאָס פּאַפּירל. געוועזן איז עס מיין אייגענער בריף צו פּאָמינ׳ען...

מיט אַ יאָהר צוריק בין איך געוועזן צופרידען און גליקליך. די אונגעריכטע און גינסטיגע פערענדערונג אין מיין לעבען, דאָס צוריקשיקען „קיין מערב,״ די ליבע געזעלשאַפט פון מענשען, וואָס דער שיקזאַל האָט זיי צופעליג, אָבער זעהר געלונגען צונויפגעבראַכט אינאיינעם, דערין אויך עטליכע גוטע פרויען—דאָס אַלץ האָט פערשאַפט אַ סך פרייד. איך געדענק, אַז איך האָב דעמאָלט געשריבען אין אַ שטימונג פון אַ גליקליכען מענשען, וואָס וויל איבערגעבען אַ צווייטען אַ טיילעכעל פון זיין גליק. איך האָב דערצעהלט פון אונזער צוריקשיקונג און פון דעם, אַז אין דרויסען בלאָזען גייע ווינדטען, אַז מען שמועסט פון אַ קאָנסטיטוצ-

יע, אַלץ אַזוינע זאַכען, וואָס האָבען בעצייכענט די ערשטע הדשים פון אַלעקסאַנדער דעם דריטענס ממשלה... איך געדענק, אַז פּאָמינס ענטפער איז געוועז פול פערביטערונג און ספקות.

און אָט לייען איך איצט אַליין דעמדאָזיגען פריידיגען בריף אין דער אייגענער קאַמער...

דער, צו וועמען איך האָב געשריבען, לעבט שוין אפשר נישט, איך בין אַליין און פאָהר ווידעראַמאָל דורך די אייגענע ע״טער, אָבער עס איז אונבעוואוסט, וואוהין. און טאָמער איז דאָס גאָר דער סוף פון מיין נסיעה—איז מיר בעפאַלען אַ פּלעצליכע און ביטערע מחשבה. און וואָס, אויב מען וועט מיר שפּעטער אַ ביסעל צונעהמען מיינע קליידער, מיינע זאַכען, מיין געלעגער, אַלץ, אַלץ, וואָס דערמאָהנט מיר די פרייהייט — און מען וועט מיר ברענגען אַנ׳אַרעסטאַנטען-כאַלאַט, אַראָבגענומען אפשר פון די אַקסלען פון מיין פערשטאָרבענעם פאָרגענגער, און אַ לאַנגע שורה טעג וועט זיך אַוועקציהען פאַר מיר, און זיי וועלען מיך נישט בעריהרען און מיין לאַגע נישט פערענדערן, ווי עס געהען די טעג איבער אַ קבר, ווי זיי זענען געגאַנגען איבער פּאָמינ׳ען ? און איינמאָל אין חודש וועט מען מיר אַריינטראָגען אַ וואַנע, און די אייגענע אומגעלומפערטע ווּיצלעך, וואָס פּאָמין האָט געהערט, וועט זיין „בלאַגאָראָדיע״ שיטען אויף מיר... וואָרום מיין חטא איז דאָך באמת פון אַזאַ סאָרט, וואָס איז נישט פאָרגעזעהן פון געזעץ...

דידאָזיגע מחשבה האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַזאַ צושטאַנד, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך מיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן געלעגער און איינגענורעט אין קישען דאָס פנים. דער קישען איז אָבער געוועזן האַרט און שטעכיג. איך האָב געוואָלט אַ קוק טאָן, צי זענען עס דאָ אויפשריפטען אויף די ברעטער פון דער בעט, איך האָב איבערגעבעט דאָס געלעגער און אויסגעקעהרט דאָס קישען-פלעצעל, וואָס איז געוועזן אָנגעשלאָגען מיט שטרוי, אָבער דער שטרוי איז שוין פערוואַנדעלט געוואָרען אין שטויב. מעגליך, אַז דערדאָזיגער תפיסה-קישען איז דאָ געלעגען פון יענער צייט-אָן, זינט פּאָמין האָט אויס-

געווײנט דערויף זײנע לעצטע טרעהרען. דערדאָזיגער געדאַנק האָט מיר איצט פערשאַפט אַ מין ביטערן תענוג. זאָל זײן... אַזוי איז בעסער!.. אַזוי אַרום האָב איך מיר אַלץ מעהר און מעהר אָבגעגעבען דעם מרה׳שחורה׳דיגען געפיהל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דער טיפעניש פון האַרצען.

דרויסען איז געוואָרען טונקעלער. איך האָב מיך נישט אויפגעהויבען פון געלעגער. צייטענווייז פלעג איך נאָר אַרונטערהויבען דעם קאָפּ פון קישען. אין קאַמער איז געווען האַלב פינסטער. טערוואַרפענדיג דעם קאָפּ, האָב איך פריהער ליב געהאַט צו קוקען אויפ׳ן שטיקעלע אָווענד-הימעל, וואָס האָט אַרײנגעקוקט צו מיר, ווי אַ העלער פלעק. איצט האָט ער מיך בלויז אויפגערעגט. איצט האָב איך געוואָלט וואָס מעהר און שטאַרקער זיך צוהערען צו דער שטילקייט פון מײן טריבען הודר׳ל, און אַז איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָב איך מיך אומישנע אָבגעקעהרט צו דער טיר, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שוואַרצער פירעק. אַרום דער טיר און אין די ווינקלען איז שוין גוט פינסטער געווען. דער שטריך פון דער איצט פערשטאַנענער אויפשריפט האָט זיך קוים-קוים אַרויסגעזעהן אויף דער וואַנד... און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פריהערדיגער שכן פון דערדאָזיגער קאַמער געפינט זיך דאָ אונבעמערקט. בשעת איך בין געלעגען אײנגעגורעט מיט׳ן פנים אין זײן קישען, האָט מיר אויסגעוויזען, אַז ער שטעהט איבער מיר און שאָקעלט איראָניש מיט׳ן קאָפּ, מיט אַ בלאַסען פנים און מיט אַ מרה׳שחורה׳דיגען פייער אין די אויגען. און געהערט האָב איך אַ שטיל שעפּטשען פון אַנ׳אומגעקומענעם טעראָריסט...

—פאַנטאַזיאָרען, שוואַכע נשמות, בלינדע מענשען... וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָבען אײערע מיטלען אין פערגלייך מיט׳ן כוח, וואָס רעכענט זיך מיט גאָרנישט און וואָס איז זעהר אויסגעהאַלטען אין זײנע מעשים. ניין, מען בעדאַרף צעהן מאָל שווערען און צעת-מעשה גוט בעטראַכטען די מיטלען זיך נוקם-

צו-זיין פאַר אונז, די אומגעקומענע, און פאַר דער בעפרייאונג און די לעבעדיגע...

מיין קאָפּ איז איינג געוואָרען פאַר דידאָזיגע ברענענדיגע רעיונות, ווי דאָסדאָזיגע קאַמערל איז איינג געוועזן פאַר די פּלענער פון קאַמף און נקמה. איך בין אויפגעשפּרונגען, זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן געלעגער, מיט די הענד צוגעכאַפּט דעם קאָפּ און זיך געפּרובט בערוהיגען.

אין דער אייגענער צייט האָבען פון דאָסניי גענומען ראָ-לען די שלעסער; דאָס שומר-קאַמערל איז ווידעראַמאָל אָנגע-נאָסען געוואָרען מיט אַ קלינגען און קלאַפּען פון שווערדען, שפּאָרען און ביקסען און ווידעראַמאָל איז אויפגעעפענט געוואָ-רען מיין טיר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ ווערט בעשטימט מיין גורל. מען וועט מיך אָדער אַוועקפיהרען אָדער מען וועט צונעהמען מיינע זאַכען און דאָ וועט מען מיך איבערלאָזען אויף אייביג. אין לעצטען פאַל וואָלט איך איצט, דאַכט זיך, פעהיג געוועזן אויף עפּיס אַ ווילדער טאַט. איך האָב גאָר פאַר-געסען, אַז דאָס איז געוועזן אַן'איינפאַכע נאָמענקאָנטראָלירונג.

—פיראונדרייסיג!

—פאַרהאַן!

פון עפּיס אַ פּלעצליכען אינסטינקטיווען פאָרגעפיהל בין איך אויפגעשפּרונגען פון געלעגער.

—הער סמאָטריטעל!—האָב איך מיך אָנגערופען.

—וואָס נאָך?

—איך וויל מיך זעהן מיט'ן פּאָליצמייסטער און מיט'ן פּראָקוראָר.

—דאָס איז נישט נויטיג.

דער אָפיציר האָט עפּיס אַ זאָג געטאָן דעם סמאָטריטעל און יענער האָט זיך ווידעראַמאָל אָבגעקעהרט.

—וואָס ווילט איהר?

—איך וויל דערלאַנגען אַ תביעה מיך, אַן'עטאַפּען-אַרעסטאַנט, האַלט-מען אין אַ קאַטאָרגע-טורמע. איהר לאָזט מיך

נישט שפּאַצירען, איך קאָן קיין בריף נישט שרייבען און איך פיהל מיך קראַנק.

דער סמאָטריטעל האָט גאָרנישט געענטפערט: די קאָנטראָ-לירונג איז אַוועק.

VII.

אויף מאָרגען האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירען.

אַ גאַנצען טאָג האָבען די קאַטאָרזשניקעס שפּאַצירט איבער׳ן הויף. טײלמאָל האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון קייטען, און דעמאָלט, װען די זון האָט געלויכטען אויף די ברעטער אונטער מיין פענסטער, האָט מען געקאָנט זעהן צווישען די שפּאַלטען שלייכענדיגע שאָטענס. אָבער בשעת עס איז געקלאַפּט געוואָרען אין דער פויק און די טורמע איז איינגעהילט געוואָרען אין אַ שווייגענדיגען בין-השמשות, איז דאָס תפיסה-לעבען אַרייגעפלאָסען צוריק אין די קאַמערן. ביז מען האָט אָנגעצונדען די לאָמפּען פלעגען טײלמאָל די בראָדיאַגעס דערצעהלען פון זייער לעבען, און טײלמאָל פלעגט אַ יונגער און געריסענער קול דערצעהלען מיט בענקשאַפט פון זיין „אומגליק,״ פון זיין מזל, פון זיין פערברעכען—ווי אַזוי דאָס איז געשעהן. טײלמאָל פלעגט אַ צינישע און וואויליונגערישע מעשה פון אַ רוצח, אַ קאַטאָרזשניק שאַרף פערהילכען די שטילע קאַמער, וואָס האָט נישט מעהר ליב געהאַט קיין איבעריגע אָפּענהערציגע פרטים.

אין אָט דער צייט האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ האַלבע שעה צייט. די טויערן זענען געווען מיט גרויס השגחה פערשלאָסען, ביים ביידעל האָט געדרעמעלט אַ זעלנער, אונטערגעבעגדיג זיך דעם שטילען בין-השמשות, פול מיט שאָטענס און שעפּטשערייען קוים צום הערען ערגעץ פון די תפיסה-ווענד, און מיט אַ ווייטען געוויש פון רעדער אין שטאָדט, הינטער דער טורמע. אויף און אָב בין איך געגאַנגען—פון דער שניידעריי-וואַנד ביז דעם טויער, צווישען דעם צעכהויז און דעם בנין פון דער קאַטאָרגע-אָבטיילונג. איבער מיר איז געהאָנגען אַ הימעל, וואָס האָט מיר איצט אויסגעזעהן אונגעהויער טיף און נישט ווייט, איבער׳ן טויער, האָבען אויף מיר געקוקט פענסטער מיט פאָרהענגלעך און בלומענטעפּ. דידאָזיגע פענסטער האָבען מיך זעהר גע׳חדוש׳ט. שפּעטער האָב איך משער-געווען, אַז דאָס מוז אַודאי זיין די פּריוואַטע וואוינונג פון סמאָטריטעל. איינמאָל האָט עפּיס אַ שעמעריר געטאָן צווישען די בלומענטעפּ. האָב איך מיך בעסער איינגעקוקט אין דער אונבעשטימטער טונקעלקייט און דעמאָלט האָב איך בעמערקט אַ קעפּעל און אַ פּנים פון אַ קינד. דאָס קינד האָט, אַפּנים, געקוקט אויף מיין איינזאַמער פיגור, אין אַ שוואַרצען מאַנטעל און הוט, אַזאַ זעלטענע און אויסטערלישע אין דערדאָזיגער מלוכה פון גרויע כאַלאַטען און מיליטערישע אוניפאָרמען.

בשעת איך האָב געשפּאַצירט, האָבען מיינע שומרים בעדאַרפט זיין דערביי, אין הויפעל, אַזוי אַרום האָט מען מיך געהיט זאָלבעגאַנד. דער נאַדזיראַטעל איז געווענליך געזעסען אויפ׳ן גראָבען קלאָץ, עהנליך צו אַ יאַטקע-קלאָץ, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון טויער. דער סאָלדאַט, ווידער, איז געשטאַנען אינמיטען פונ׳ם שמאָלען שטח, שפּאַצירענדיג פון דער שניידעריי-וואַנד ביז׳ן טויער, האָבען זיי מיך אויף אַזאַ אופן שטענדיג געהאַט אויף די אויגען.

עס איז, איבעריגענס, געווען אַ קיילן ווינקעלע, סאַמע קעגען דער טיר פון קאָרידאָר, וואו איך האָב געקאָנט זיין אונבעמערקט פאַר ביירען. דער צעכהויז, וואָס איז צוגעבויט

געוואָרען צו דער טורמע-וואַנד, איז געוועזן נידעריגער פון דערדאָזיגער וואַנד. צווישען דעם צעכהויז און דער פערפענדיקולאַרער וואַנד פון דער שניידעריי איז פערבליבען אַ פירעק, וואו עס זענען געלעגען קופּעס מיסט. די באַלקעס-וואַנד פון צעכהויז איז צוגעצויגען געוואָרען אַקוראַט צו דעם געמויערטען פּאַרקאַן. אַז איך בין צוגעגאַנגען צו דעמדאָזיגען עק פון הויף, האָב איך דעם פירעק געהאַט אין דער לינקער האַנד. צו דעמדאָזיגען פירעק איז אויך אַרויסגעגאַנגען מיין פענסטער, וואָס איז געוועזן אַרומגעצוימט מיט ברעטער (יעדעס מאָל, בשעת איך האָב געקוקט אויף דידאָזיגע ברעטער, האָט מיר פערדריקט דאָס האַרץ, טראַכטענדיג, אַז הינטער זיי געפינט זיך מיין וואוינונג). נאָכדעם איז געלעגען אונזער גאַניקעל מיט דריי טרעפּעלען. די טיר פונ׳ם גאַניקעל איז על-פּי-רוב געוועזן אָפען און עס האָט זיך געזעהן אַ קורץ קאָרידאָרל. אינ׳ם קאָרידערל איז קיינער קיינמאָל נישט געוועזן. צום פירעק איז אויך אַרויסגעגאַנגען נאָך איין פענסטער פון דער שורה איינצעלקאַמערן פאַר קאַטאָרזשיקעס. די איבעריגע פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען קעגענאיבער דער וואַנד פון צעכהויז.

דעם ערשטען טאָג, ווען מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט, האָט גאַווריל[א]ָוו געהאַלטען וואַך. איך האָב שוין געקאָנט דעמדאָזיגען טיפּ פון תפיסה-גאַדזיראַטעלעס. דאָס זענען מענשען ערנסטע, פאַמילען-מענשען, וואָס זענען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו דער שטעלע און מען קאָן זיי נישט אונטערקויפען. איך בין זיכער, אַז יעפרעמאָוו האָט פאַמינ׳ען איבערגעגעבען די צעטעלעך נישט אין גאַווריל[א]ָווס וואַך-שעה, אָדער, לפּחות, אָהן זיין וויסען. אונטערקויפען האָט מען געקאָנט דעם צווייטען. דערפאַר אָבער האָט גאַווריל[א]ָוו פערשטאַנען די איינפאַכע בעוועגונג פון אַ מענשענס נשמה, און האָט קיינמאָל נישט געפּרובט מאַכען שווערער דעם גורל פון אַן׳איינגעשלאָסענעם. ער פלעגט אויך טיילמאָל פערפיהרען אַ שמועס מיט מיר, אמת נישט אויף לאַנג. ער האָט זיך, אַשטייגער, אינטערעסירט, צי איך האָב אַ ווייב און קינדער און אַליין צוגעגעבען, אַז ער האָט דריי

קינדער און מען מוז זיי אויסהאַלטען. נאָכדעם האָט ער גע-
פרעגט, צי איך האָב אַ פאָטער אָדער אַ מוטער, און אַז איך
האָב איהם געענטפערט, האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ
בשעת ער האָט געעפענט מיין קאַמער און אַרויסגעלאָזט מין
אויפ'ן שפּאַציר, איז ער, קענטיג, זעהר צופרידען געוועזען. ער
פלעגט זיך אַנידערזעצען אויפ'ן קלאָץ, און די גאַנצע צייט,
וואָס איך פלעג שפּאַצירען, פלעגט ער זיך אומוויגען, לייכט
דרעמלענדיג.

אין איינעם פון דיזאָזיגע רעיסען מיינע—פון טויער ביז
דער וואַנד פון דער טורמע-שניידערייַ—האָב איך בעמערקט אַ
ריסטען פון אַ געזיכט אינ'ם לעצטען פענסטער. אַ קאַטאָרזשניק
מיט אַ האַלב געראַנירטען קאָפּ האָט מיר עפּיס צוגעוואונקען מיט
זיין האַנט. אַ פאַרחידושטער, האָב איך מיך אָבגעשטעלט, אָבער
יענער האָט זיך תיכף פערשאָרגען הינטער דער וואַנד פון זיין
קאַמער. איך האָב פערשטאַנען, אַז איך האָב מיך נישט בע-
דאַרפט אָבשטעלען, ווארום דער שומר אָדער דער סאָלדאַט האָט
געקאָנט בעמערקען די רמזים. בין איך ווייטער אַוועק מיט די
איינענע געמאָסטענע טריט.

צוגייענדיג אַ צווייט מאָל צו זיין פענסטער, האָב איך
געמאַכט קלענערע טריט, און בגנבה, נישט אָבקעהרענדיג דעם
קאָפּ, אַ קוק געטאָן. דער אַרעסטאַנט איז ווידעראַמאָל גע-
שטאַנען ביים פענסטער און געפּאָכעט מיט די הענד, ווי אַ פיי-
געל.

געדויערט האָט עס היינטער נישט מעהר, ווי עטליכע רגע'ס,
דערפאַר איז פמעט אַ גאַנצע מינוט אַוועק אויף צו בעטראַכטען
דעם געהיימען סיגנאַל. וואָס וויל ער מיר זאָגען? שוין-זשע
זיינען דיזאָזיגע פויגעלשע פלאַטערן אַרום אויף פרייהייט, אויף אַ
ווייטען פליהען?

מיט דיזאָזיגער טראַכט אין קאָפּ האָב איך מיך אויפ-
געשטעלט געגלייכט מיט'ן פענסטער. מיין געהיימער מיטשמוע-
סער איז געזעסען אויפ'ן פענסטער, צוגעבויגעדרעהט אין פירען.

פאַר דער צייט, וואָס איך בין אָבגעגאַנגען און ווידער צוגעגאַנגען, האָט ער זיך אויפגעהויבען מיט'ן גאַנצען גוף, געכאַפּט לופט מיט די הענד, און מיט זיין גאַנצער ווייסער פיגור, וואָס האָט זיך בולט געצייכענט אויפ'ן טונקעלען פאָן פון פענסטער, האָט ער נאָכגעמאַכט די בעוועגונגען פון אַ מענשען, וואָס קלעטערט ערגעץ אין דער-הויך. האָב איך ווידעראַמאָל אַ וואָרף געטאָן אַן'אונפערשטענדליכען בליק, נאָכדעם אָבער בין איך געקומען צו דער זיכערער מסקנא, אַז מיין געהיימער מיטשמועסער איז מיר דאָ מרמז די מעגליכקייט פון אַ ויברח.

בין איך צוגעגאַנגען צום פענסטער צום פערטען מאָל. איצט איז דער קאַטאָרזשניק געשטאַנען אונבעוועגליך און בלויז מיט אַן'אויסגעצויגענער האַנד האָט ער מיר אָנגעוויזען אויפ'ן פּירעק פון הויף, הינטער דער וואַנד פון צעכהויז. נאָכדעם האָט ער זיך צוגעזעצט און אויפגעהויבען, ווי בעת מען גיט אַ שפרונג, און מיט אַ פּאָך פון ביידע הענד האָט ער מיר אָנגעוויזען, אַז דערנאָך זאָל איך לויפען פאַזע וואַנד אויף רעכטס. איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז דאָרט ליגען די טאָלען פון באַרג, פערוואַקסען מיט ווילדען גראָז, און דידאָזיגע טאָלען פיהרען צום טייך אירטיש אָדער צום טאָבאָל און אונטען ליגט דער ברעג-טייל פון שטאָדט מיט שענקען און טראַקטירען...

איצט, אַז איך בין געגאַנגען אַהין און צוריק איבער'ן הויף, האָט מיין האַרץ שטאַרקער געקלאַפּט, אין די שלייפען האָט געהאַקט. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און ווייטער שטיל אַוועק. דער קאַטאָרזשניק האָט געקוקט מיט אַ פראַגעבליק און מעהר שוין גאָרנישט געוויזען. איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנד פון דער טורמע-שניידעריי און בעת-מעשה שלעכט פערשטאַנען מיין לאַגע. אַז איך האָב מיך אָבגעקעהרט, האָב איך מיך געפונען אַקוראַט קעגען די ברעטער, וואָס האָבען פערשטעלט מיין קאַמער. אין קאַמער האָב איך איבערגעלאָזט אַ לאָמפּ, וואָס האָט איצט בעלויכטען דעם לעדיגען שטח צווישען דער וואַנד און די ברעטער. אין דער

בעלויכטענער לערקייט איז געווען עפּיס סומנעס און נישט-היימליכעס.

איך האָב מיך באַלד אומגעדרעהט און אַוועק הינטער דער וואַנד פון צעכהויז.

די באַלקעס-וואַנד איז צוגעשטאַנען צו דעם געמויערטען פּאַרקאַן. די באַלקעס זענען געמאַכט געוואָרען פון דיקע לערכענבוימער. לערכענבוימער האָבען זעהר אַ סך שפּאַלטען; זעזען טאַקע געווען ברייטע שפּאַלטען אין יעדער באַלקע און מען האָט זיך געקאָנט אָנהאַלטען אָן זיי מיט די שפּיצען פינגער. דאָס איז געווען עפּיס אַ פלא'דיגע נאַכלעסיגקייט פון דער תּפיסה-אַדמיניסטראַציע, איינע פון יענע נאַכלעסיגקייטען, וואָס ווייזט זיך גאָרנישט ווילענדיג דאָרט, וואו די זאַך ווערט טאָגטעגליך געפיהרט לויט אַנ'איינגעפיהרטער רוטין. עס קאָן, איבעריגענס, זיין, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט יאָ געוואוסט דאָס שוואַכע אָרט פון הויף און פּאָמינ'ען, דעם בעוואוסטען פליטה-מאַכער, האָט זי איינגאַנצען נישט אַרויסגעלאָזט. די קאַטאָרזשניקעס זענען בייטאָג אַרויסגעלאָזט געוואָרען אויפ'ן שפּאַציר און דעמאָלט איז אונמעגליך צו פערשטעקען זיך ערגעץ. אין דער מינוט בין איך אַליין נאָר געשטאַנען פּנים על פּנים מיט דער נאַכלעסיגקייט פון נאַטשאַלסטוואָ. דער דאַך פון צעכהויז האָט נישט געכאַפּט ביז דער הויך פון דער וואַנד, אָבער דאָ איז פערבליבען נישט מעהר ווי אָנדערטהאַלבען אַרשין.

געפינענדיג זיך אויסער די בליקען פון מיינע שומרים, בין איך שנעל צוגעגאַנגען צום ווינקעל און גענומען קלעטערן אַרויף. איך געדענק, אַז אין דעם מאָמענט האָב איך נישט געהאַט קיין בעשטימטען פלאַן. אין האַרץ, אין די שלייפען האָט געהאַקט, אין דמיון האָב איך געזעהן דעם שפּיץ פון דאַך, דעם קאַנט פון פּאַרקאַן, נאָכדעם דאָס פערוויינטע געזיכט פון דער מאַמען, דאָס גוטע געזיכט פון גאַווריליאָו'ן און זיינע דריי קינדער. דאָס געוויסען האָט מיר דייטליך געזאָגט, אַז איך טאָר מיך נישט בענוצען מיט זיין צוטרוי, אַז עס וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ווען דערדאָזיגער פאַל זאָל טרעפען אויף

איוואַנאָווס וואַן-שעה. אָבער איך האָב געקלעטערט אַרויף און בעת-מעשה גע'חזר'ט: ס'איז אַלצאיינס. דאָס איז אונמעגליך. דאָס פּרוב איך מיר נאָר...

עס קאָן זיין, אַז אָט די אַלע שפּירונגען זענען געווען די סיבה, וואָס האָט אויפגעהאַלטען מיין ענערגיע, אָדער די מניעה איז באמת געווען אַזאַ, אַז מען האָט זי נישט געקאָנט בייקומען—נאָר די פינגער און די פיס האָבען זיך געגליטשט און דאָס קלעטערן אַרויף איז געווען אונגעהויער שווער און לאַנג. פון דער פינפטער באַלקע בין איך אַראָבגעשפּרונגען און פאַרזאָליע אַרויס פון פירעק. אַז איך בין אַרויס, האָט דער סאָל-דאַט און גאַווריקאָוו אַ קוק געטאָן אין מיין זייט. דער אַרעסטאַנט האָט אויך געקוקט מיט דורשטיגע אויגען, אויסציהענדיג דעם האַלז.

דעם גאַנצען אָווענד האָב איך ביי זיך אין קאַמער גע-טראַכט פון דעמדאָזיגען פאַל און פון מיין לאַגע. איך גערענק, אַז געשעהן איז עס דינסטאָג. מיטוואָך איז געוועהנליך פאַרביי-געגאַנגען פאַרביי טאָבאָלסק אַ שיף מיט אַנ'אַרעסטאַנטען-באַרזשע. פערשליסענדיג מיך אויף דער נאַכט, האָט מיר גאַווריקאָוו שטיל געזאָגט, אַז „מאָרגען וועט איהר אפשר אַוועקפאָהרען. מאָרגען וועט מען ברענגען אַ פאָליטישע פּאַרטיע.”

איך האָב פריי אָבגעאָטעמט און אָנגעקוקט מיט שמחה דעמדאָזיגען גוטען מענשען... אין דערדאָזיגער נאַכט האָב איך געעפענט דעם לופטשיק און לאַנג געקוקט אויפ'ן לויטערן שטי-קעלע הימעל. אין אָווענד האָב איך געשריבען בריף, דורכגע-דרונגען מיט מוט און האָפנונג...

אינדערפריה האָב איך לאַנג געשלאָפען און נישט געהערט די נאָמענקאָנטראָלירונג. דידאָזיגע זכיה האָט מען געהאַט נאָר אין אַנ'איינצעלקאַמער—אין די אַלגעמיינער קאַמער מוזען זיך אַלע אויפהויבען און זיך אויפשטעלען שורות'ווייז פאַר דער „קאָנטראָלירונג.” דער ערשטער קלאַנג, וואָס איך האָב דער-הערט, בשעת איך האָב מיך אָנגעטאָן, איז געווען אַ לאַנגער

הילכיגער פייף, וואָס האָט זיך געטראָגען פון ,טייך אין מיין אָפּענעם לופטשיק אַריין...

האָב איך מיך באַלד אָנגעטאָן, שנעל צומישט דעם טיי מיט'ן האַלב-אָבגעקיהלטען וואַסער, וואָס מען האָט מיר דערלאַנגט דורכ'ן לאָך, בשעת איך האָב נאָך געשלאָפען, און האָב גענומען וואַרטען. איך האָב געוואוסט, אַז די באַרזשע וועט שטעהן עטליכע שעה, מחמת פון איהר ווערט אַראָבגעזעצט און צוגענומען אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטען פון טאָבאָלסק. מיט אַ יאָהר צוריק בין איך צַליין געווען אויף דערדאָזיגער באַרזשע. דעמאָלט האָט מען זי אָבגעפיהרט אינמיטען טייך און פערשטעלט מיט ברעזענטען אין דער זייט פון שטאָדט, אָבער בשעת מיר האָבען שפּאַצירט אויפ'ן פּאָרדעק היגטער די גראַטעס, האָבען מיר פּאַוואָליע אויפגעהויבען די ברעזענטען און פון ווייטען זיך געקוויקט מיט דער שעגער שטאָדט און מיט זיין משופּע'דיגען הויכען באַרג. פון דאָרט האָב איך צום ערשטען מאָל דערזעהן דידאָזיגע טורמע אויפ'ן שפּיץ פון באַרג...

דידאָזיגע זכרונות האָבען פערשטאַרקט מיין אונגעדולד אַזוי ווייט, אַז מיך האָט פּשוט געשווידערט. די שעה'ן זענען לאַנגזאַם געקראָכען. איך בין אומגעגאַנגען איבער'ן צימער, זיך געוואָרפען אויפ'ן בעט, ווידער אויפגעשטאַנען און ווידער אַרומגעלאָפען איבער'ן שטייגעל.

דאָס דעקעל האָט זיך געעפענט און מען האָט מיר דערלאַנגט דעם מיטאָג. איך האָב נישט געקוקט, ווער עס דערלאַנגט מיר איהם, אָהן ווערטער גענומען דאָס שיסעלע, אָבער עסען האָב איך נישט געקאָנט. אויף דער באַרזשע, האָב איך געטראַכט, וועלען מיר שוין די חברים געבען צום עסען. דאָס פּאָרגעפיהל, אַז באַלד וועלען מיר זיך באַגעגענען, בעגריסען, זיך אויספרעגען, מאַכען נייע בעקאַנטשאַפטען און טרעפען, מעגליך, אויך אַלטע בעקאַנטע; גאָלדעם קראַסנאָיאַרסק, אַ זעהונג מיט דער שוועסטער און מוטער, וואָס זענען נאָך מיט אַ יאָהר צוריק געקומען אַהין צו דעם אַיידעם, וואָס איז פערשיקט געוואָרען אין איין צייט מיט אונז,—דאָס אַלץ איז צַדורכגעלאָפען איבער מיין

נשמה, ווי עפּיס אַ האַלב־פרעהליכער און אַ האַלב־פיינליכער שטורם...

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך דערהערט דעם ערשטען פייף פון דער שיף. איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ משוגענער, נאָכאַמאָל ארומגעקוקט מיינע זאַכען, ווי אַ מענש, וואָס שרעקט זיך, אַז ער וועט פערשפעטיגען די שיף... אָבער מיין טיר איז נאָך אַלץ פערשלאָסען.

באַלד האָט זיך נאָך דעם ערשטען פייף דערהערט אַ צווייטער און נאָכדעם אַ דריטער פייף. נאָך אַ פערטעל שעה— און אַ הילכיגער פייף האָט זיך צוטראָגען איבער'ן טייך און נאָכדעם אָבגעשטאָרבען: די שיף איז אַוועק. די שיף איז, אַפנים, אַרומגעגאַנגען דעם טאָבאָלסקער באַרג, און די פּאַרטיע איז אַוועקגעשוואומען ווייטער. אין דמיון האָב איך געזעהן, ווי עס ווערען אויפגעהויבען די ברעזענטען, ווי יונגעלייט און מיידלעך גלאָצען דורשטיג מיט די אויגען הינטער די גראַטעס אויף די שטיל אַוועקגעשוואומענע ברעגען, קלויסטערס און היכלים פון טאָבאָלסק. אפשר זעהען זיי אויך אויפ'ן באַרג די ווענד פון מיין תפיסה. עפּ'ס אַ טעמפּע פערצווייפלונג צוזאַמען מיט אַנ'אָהנמעכטיגען גרימצאָרן האָט בעהערשט מיין נשמה...

איך האָב מיך געלעגט אויפ'ן בעט מיט'ן פנים אַרויף און מיט הענד פערלעגט הינטער'ן קאָפּ. אָהן בעוועגונג בין איך געלעגען. איך געדענק זעהר גוט, אַז איך האָב דעמאָלט גאָרנישט געטראַכט. קיין איין מחשבה איז אין קאָפּ נישט געווען, קיין איין פּאָרשטעלונג, קיין איין געשטאַלט. דאָס איז געווען עפּיס אַ שווערע לערקייט.

און אַ מאָדנע זאַך: אין דערדאָזיגער לערקייט איז עפּיס פון זיך אַליין אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס. און אַז איך בין אויפגעשטאַנען פון געלעגער, האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבייט, פונקט ווי איך וואָלט אויסגעפיהרט עמיצענס אַ פּער־אָרדנונג.

קודם האָב איך מיך גענומען צו דעם אָבגעקיהלטען מי־טאָג און כמעט אַלץ אויפגעגעסען. נאָכדעם האָב איך אויס־

הילכיגער טייך, וואָס האָט זיך געטראָגען פון ,טייך אין מיין אָפּענעם לופטשיק אַריין...

האָב איך מיך באַלד אָנגעטאָן, שנעל צומישט דעם טיי מיט'ן האַלב-אָבגעקילטען וואַסער, וואָס מען האָט מיר דער-לאַנגט דורכ'ן לאָך, בשעת איך האָב נאָך געשלאָפען, און האָב גענומען וואַרטען. איך [illegible], אַז די באַרזשע וועט שטעהן עטליכע [illegible] ווערט אָראָבגעזעצט און צוגענומען [illegible] פון טאָבאָלסק. מיט אַ יאָהר צוריק בין איך [illegible] אויף דערזעלביגער באַרזשע. דע-מאָלט האָט מען [illegible] טייך און פערשטעלט מיט [illegible], אָבער בשעת מיר האָבען [illegible] די גראַטעס, האָבען מיר [illegible] פון ווייטען זיך [illegible] מיט זיין משופּע'דיגען [illegible] צום ערשטען מאָל דערזעהן די [illegible] פון באַרג...

[illegible] מיין אונגעדולד [illegible] די שטעהן זענען [illegible] צימער, זיך געוואָרפען [illegible] און ווידער אַרום-געלאָפען [illegible].

[illegible] האָט מיר דער-לאַנגט דעם [illegible] דערלאַנגט מיר [illegible] אָבער עסען האָב איך נישט געקענט [illegible] איך געטראַכט, [illegible] דאָס פאָרגעפיהל, [illegible] זיך אויספרע-[illegible] אויך [illegible] מיט דער [illegible] צוריק גע-[illegible] געוואָרען אין [illegible] איבער מיין

נשמה, ווי עפּיס אַ האַלב-פרעהליכער און אַ האַלב-פּיינליכער שטורם...

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך דערהערט דעם ערשטען פּייף פון דער שיף. איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ משוגענער, נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט מיינע זאַכען, ווי אַ מענש, וואָס שרעקט זיך, אַז ער וועט פערשפּעטיגען די שיף... אָבער מיין טיר איז נאָך אַלץ פערשלאָסען.

באַלד האָט זיך נאָך דעם ערשטען פּייף דערהערט אַ צווייטער און נאָכדעם אַ דריטער פּייף. נאָך אַ פערטעל שעה— און אַ הילכיגער פּייף האָט זיך צוטראָגען איבער'ן טייך און נאָכדעם אָבגעשטאָרבען: די שיף איז אַוועק. די שיף איז, אַפנים, אַרומגעגאַנגען דעם טאָבאָלסקער באַרג, און די פּאַרטיע איז אַוועקגעשוואומען ווייטער. אין דמיון האָב איך געזעהן, ווי עס ווערען אויפגעהויבען די ברעזענטען, ווי יונגעלייט און מיידלעך גלאָצען דורשטיג מיט די אויגען הינטער די גראַטעס אויף די שטיל אַוועקגעשוואומענע ברעגען, קלויסטערס און בנינים פון טאָבאָלסק. אפשר זעהען זיי אויך אויפ'ן באַרג די וואַנד פון מיין תּפיסה. עפּ"ס אַ טעמפּע פערצווייפלונג צוזאַמען מיט אַנ'אָהנמעכטיגען גרימצאָרן האָט בעהערשט מיין נשמה...

איך האָב מיך געלעגט אויפ'ן בעט מיט'ן פּנים אַרויף און מיט הענד פערלעגט הינטער'ן קאָפּ. אָהן בעוועגונג בין איך געלעגען. איך געדענק זעהר גוט, אַז איך האָב דעמאָלט גאָרנישט געטראַכט. קיין איין מחשבה איז אין קאָפּ נישט געווען, קיין איין פאָרשטעלונג, קיין איין געשטאַלט. דאָס איז געווען עפּיס אַ שווערע לעדיקייט.

און אַ מאָדנע זאַך: אין דערדאָזיגער לעדיקייט איז עפּיס פון זיך אַליין אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס. אַז איך בין אויפגעשטאַנען פון געלעגער, האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבייט, פּונקט ווי איך וואָלט אויסגעפיהרט עמיצענס אַ פער-אָרדנונג.

קודם האָב איך מיך גענומען צו דעם אָבגעקיהלטען מי-טאָג און כמעט אַלץ אויפגעגעסען. נאָכדעם האָב איך אויפ-

געפּענט דעם טשעמאָדאַן און פונאַנאַדערגעבונדען די פּעקלעך.

אין איינעם פון די פּעקלעך האָב איך געהאַט אַ טשעקמען פון לייכטען שעפּסען-פעל, בעדעקט מיט דעם אַזויגערופענעם טייוועל-לעדער. דאָס האָב איך בעקומען במתנה פון כמעט אַנ'אונבעקאַנטען גוטען פריינד. דערדאָזיגער איז געקומען קיין פערם פאַר מיין אַרויסשיקען און גענומען קנעלען מיט מיר, איך זאָל מיך בעטייליגען אין געוויסע אונטערנעהמונגען, פון וועלכע איך האָב מיך אָבער קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט. אין די עטליכע שעה, וואָס זענען מיר פערבליבען נאָך דער דערקלערונג, אַז איך ווער אַרויסגעשיקט ביז דעם מאָמענט, ווען דער צוג געהט-אָב, זענען צו מיר געקומען אַ סך פערמער בעקאַנטע, דערינען אויך ער. דעמאָלט האָט ער מיך אָבגערופען אין אַ זייט און געשענקט דעם טשעקמען, דערביי האָט ער צוגעגעבען, אַז אויפ'ן רוקען, נעבען קאָלנער איז פאַראַן אַ קעשענע, וואָס איז זעהר געשיקט געמאַכט און מען קאָן זי עפענען.

—אפשר וועט עס אייך צונוץ קומען,—האָט ער צוגעגעבען.—אַז מיר וועלען זיך ווידעראַמאָל זעהן, וועלען מיר שוין איבערשמועסען וועגען דעם, וואָס איך האָב אייך פאָרגעלעגט... איך מיין, אַז דעמאָלט וועט איהר שוין נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט...

איך האָב איהם בעדאַנקט און, שמייכלענדיג, צוגענומען די מתנה. איך האָב געדעכענט, אַז דערדאָזיגער טשעקמען וועט מיר צונוץ קומען אויך אָהן דער קעשענע אויפ'ן רוקען. איצט אָבער האָב איך אויפגעטרענט דעם נאָט ביים קאָלנער און פון דאָרט אַרויסגענומען צוויי גרויסע האַלבע בויגעלעך פּאַפּיר. איינס איז געווען אַ „כתיבה.“ אין איהר איז געשטאַנען, אַז איוואַן אי־וואַנאָוו, אַ מעשטשאַנין פון טשערן, טולער גובערניע, האָט דאָס רעכט צו בערייזען אַלע שטעדט פון דער רוסישער אימפּעריע, צו זאַמלען נדבות לויט דער פּאָלמאַכט פון עפּיס אַ קלויסטער, אויף אויסצובויען אַנ'אַנדער קלויסטער אויף דעם אָרט פון דעם, וואָס איז אָבגעברענט געוואָרען אין יאָהר 1879. דאָס

צווייטע פּאַפּירל האָט בעשטעטיגט מיט אַ שטעמפּעל פון קלויסטער און מיט דער אונטערשריפט פון אַ ציטערדיגער האַנד פון עפּיס אַ גלח, אַז איך האָב מיך גענומען מיט גרויס התמדה פאַר דער הייליגער זאַך, צו וועלכער עס ווערט גערופען דער היי-סער נדבן. פּאַוואָליע האָב איך איבערגעלייענטביידע דאָקומענ-טען, גוט בעטראַכט די אונטערשריפטען פון איספּראַווניק, סטאַראָסטע און גלח און נאָכדעם, ווי געהעריג, נאָכגעקוקט די שטעמפּלען. זיי זענען געווען גאַנץ דייטליך אָבגעפּרעסט, דאָך אָבער נישט אַזוי, אַז די דייטליכקייט זאָל זיך צופיל וואַרפען אין די אויגען. אַלץ איז געווען אין אָרדנונג.

נאָכדעם האָב איך בעטראַכט די פּאַפּירען און די בריף. דאָס איז געווען די קאָרעספּאָנדענץ מיט מיין מוטער, שוועסטער, פריינד און יענעם מיידעל, וואָס איז שפּעטער געוואָרען מיין פרוי. דאָס אַלץ האָט מען בעדאַרפט פערניכטען—די נעמען זאָלען דערנאָך נישט פיגורירען אין דער אָפיציעלער קאָרעס-פּאָנדענץ וועגען מיין אַרעסט. פון דער פּראַקטיק האָב איך שוין געוואוסט, אַז די סאַמע איינפאַכסטע דערמאָנונג פון אַ פאַמיליע איז ממש אַן׳אָנשטעקענדיגע זאַך: איז נאָר דערמאָנט געוואָרען אַ נאָמען, הייסט עס, אַז דער מענש איז „פערמישט.”

בשעת איך האָב איבערגעלייענט דעם לעצטען בריף פון מיין מוטער און נאָכדעם צוגעטראָגען איהם צום ליכטעל, האָ-בען מיינע אויגען, נישט-ווילענדיג, זיך אָנגעפילט מיט טרעה-רען. איך האָב מיר דייטליך פאָרגעשטעלט דעם נייעם קלאַפּ, וואָס פאַלט אויף מיין מוטער, אָבער דאָס האָט מיך נישט אָבגעהאַלטען. דאָ אָדער הינטער דער וואַנד—פאַר דער מוטער עקזיסטיר איך שוין נישט. דאָס פּאַפּירל האָט זיך אָנגעצונדען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט׳ן לעצטען ציג-געלע פייער איז אויך פערשוואונדען געוואָרען מיין עבר. פון דער מינוט-אָן בין איך פאַקטיש געוואָרען איוואַן איוואַנאָוו, דער מעשטשאַנין פון טשערן. מיין פּלאַן איז געווען פאַרטיג און פולשטענדיג...

נאָכדעם האָב איך אויך אויסגעלייעשט די עטליכע שורות

אויף דער צווייטער זייט פון דער בעשטעטיגונג, וואָס זענען אָ געשריבען געוואָרען מיט אַ כעמישער פליסיגקייט. מיין בעל־טובה האָט מיר דאָ אָנגעשריבען מיט דער הילף פון אַ שיפער עטליכע אַדרעסען אין פערשידענע שטעדט פון סיביר און מזרח־רוסלאַנד. דאָס זענען געווען נעמען פון מענשען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פונ׳ם אַזויגערופענעם „רויטען קרייץ,” וועלכער האָט זיך גע־שטעלט פאַר אַ ציל צו פערלייכטערן דאָס אַנטלויפען און איז נאָכדעם ענטדעקט געוואָרען פון דער רעגירונג.

נאָכדעם ווי איך האָב מיר איינגע׳חזר׳ט אַ צוויי אַדרעסען אין טאָבאָלסק און עטליכע אין אַנדערע שטעדט פון רוסלאַנד, האָב איך אַראָבגעוואַשען די שורות. ווען דידאָזיגע דאָקומענטען וואָלטען אַפילו אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די תמיטה־בעלי־הבתים, וואָלט דאָך קיינעם נישט איינגעפאַלען, אַז דאָ איז עפּיס געשריבען געווען, וואָס מען האָט עס נישט געקאָנט זעהן מיט׳ן אויג. אָבגע׳פטר׳ט די אַרבייט, האָב איך איבער־געצעהלט דאָס געלד, ביי אַ הונדערטער, וואָס איך האָב גע־האָט ביי זיך, און האָב אַלץ געבראַכט אין דער פריהערדיגער אָרדנונג.

נאָך דער קאָנטראָלירונג האָב איך, אין דער פערטעל שעה צייט, וואָס מיר איז פערבליבען ביז׳ן שפּאַציר, שנעל זיך איבערגעטאָן אין אַנדערע בגדים: אונטער׳ן פּאַלטאָ האָב איך אָנגעטאָן דעם טשעקמען, וואָס אין טורמע האָב מיך נאָך קיי־נער דערין נישט געזעהן, אַריינגעלעגט אין קעשענע אַ היטעל פון שעפּסענפעל, דעם פּאַספּאָרט און, מוכן ומזומן אַרויסצוגעהן, האָב איך גענומען וואַרטען אויפ׳ן שפּאַציר.

דאָס האַרץ האָט מיר שוין נישט געקלאַפּט און איך מיין, אַז איך האָב אויסגעזעהן פּאָלקאָם רוהיג, און דאָך איז ערגעץ טיף, טיף, אויפ׳ן דעק פון דער נשמה, געלעגען אַ שווע־רע פערביטערונג און אַנגסט. וואָס האָב איך געטאָן, פאַרוואָס האָט מיך דער מזל געפיהרט דורך דידאָזיגע אונבעמערקטע, לאַנגזאַמע און אונפערמיידליכע וועגען צו דעמדאָזיגען מאָמענט.

לויטן כאַראַקטער און לויט אַלע מיינע נייגונגען, בין איך אַ טרוימער און אַ קינסטלער; עס ציהט מיך צו פרידליכע אַר-באַטען, צו רעפלעקסיעס און באָבאַכטונגען, און איצט שטעה איך ביי דער שוועל פון אַ ניי לעבען, וואָס איז מיר אינגאַנצען פרעמד. דאָס איז שוין געשעהן צום דריטען מאָל, און דאָס מאָל איז אַ סך שטאַרקער פון די פריהערדיגע: דער שיקזאַל האָט מיך געשטויסען אויף דעמדאָזיקען וועג... דייטליך פיהל איך, אַז איך, וולאַדימיר ק—אָ, הויב-אָן אָבצושטאַרבען פון דעם מאָמענט-אָן. אין אַ שעה אַרום וועל איך שוין זיין באמת טויט, אָדער אָנשטאָט מיר וועט געבוירען ווערען אויף דער וועלט איינער, אַ מעשטשאַנין איוואַן איוואַנאָוו, אַ פערבאָרגען, פערפאָלגט און פערביטערט בעשעפעניש, וואָס איהם וועט פאָרשטעהן דורכצומאַ-כען אַ טאָפעלט משונה לעבען, פול אונבאַקאַנטע פאַסירונגען און סודות. און איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל עס שוין מער נישט זיין. מיין שיקזאַל וועל איך אַוועקפירן דורך אַזאַ וועג, וואָס איז מיר פרעמד און נישט צום האַרצען. און וואוהין וועט מיך אַוועקפיהרען דידאָזיקע קראַפט, וואָס דיקטירט מיר דאָס אַלץ אַזוי מעכטיג, אַז איך פאָלג איהר מיט דער געגויאיגקייט פון אַ מאַשין, האָב איך שוין נישט געקאָנט פאָראויסזעהן און נישט פאָראויסזאָגען... אין די לעצטע מינוטען האָט מיין אונבעשלאָסע-נער און וויכער טעמפעראַמענט זיך ווידער פערוואַנדעלט אין אַ שטיק ברענענדיגער בענקשאַפט, אין אַ שטיק רחמנות צו זיך, צו דער אייגענער מאָראַלישער פערזענליכקייט און צו אַלץ, מיט וואָס איך האָב ביז אַהער געלעבט, צו וואָס איך האָב געטראַכט, אין וואָס איך האָב געגלויבט און אויף וואָס איך האָב געהאָפט. נאָכדעם האָט מיך די מאַמע אָנגעקוקט מיט פיינליכע תחנונים... אָבער דאָס איז שוין געווען נישט קלאָר און נישט לאַנג. איך האָב געפיהלט, ווי דאָס בלוט פאַלט מיר אָב פון האַרצען, ווי די ברעמען ציהען זיך צוזאַמען...

איך האָב אודאי אויסגעזעהן זעהר בלאַס און די אויגען האָבען מיר געברענט מיט אַ פיבערליכען פייער... אין מיר האָט זיך אויפגעהויבען אַ פראָטעסט געגען די צוקראָכענע און „גוטע"

כּונות פון אַ ווייכער און שוואַכער נשמה, דידאָזיגע שטרענגע פּראָטעסט-שטים האָט מיר געזאָגט, אַז קיינער קאָן איצט נישט משפּט'ען דאָס, וואָס איך וועל שפּעטער טאָן... ווייל איצט וועל איך מיך נוקם-זיין... זיך נוקם-זיין אין אַלץ, וואָס האָט דער־הרג'עט אין מיר דעם פריהערדיגען מענשען, וואָס האָט מיך דערפיהרט צו דעמדאָזיגען מאָמענט, וואָס האָט מיך פערוואַנדעלט אין אַ מעשטשאַנין איוואַנאָוו. און איך האָב געפיהלט, אַז פאַר מיר איז שוין נישטאָ קיין שום געריכט און ריכטער, אויסער דערדאָזיגער פּראָטעסט-שטים...

VIII.

דער שלאָס האָט שטיל געהילכט, די טיר האָט זיך געעפענט...

גאַוורילאָוו איז געשטאַנען אויף דער שוועל.

„אַ, ווידעראַמאָל דו?—האָב איך געזאָגט. ער האָט מיך אונאָנגענעהם איבעררעשט. איך האָב מיר פאָרשטעלט, אַז דאָס-מאָל וועט מיך היטען די גראָבע חיה איוואַנאָוו און איך האָב מיך אַפילו געפרעהט, אַז מיט מיין אַנטלויפען פון דאַנען וועל איך מיך אַזויאַרום נוקם-זיין דוקא אין אים, אַז דער מעטשאַנין איוואַנאָוו וועט באַלד מיט זיינע ערשטע שריט אַוועק'הרג'ענען איוואַנאָוו דעם תפיסה-היטער.

—יאָ, באַרין, ווידער איך. איוואַנאָוו האָט זיך אָבגעבעטען צו זיין מאַמען אויף אַ שטיקעל שמחה.

„נו, עס איז אַלצאיינס,—האָב איך אַ טראַכט געטאָן.—איך האָב אויך אַ מאַמען...” און דערדאָזיגער געדאַנק האָט מיך נאָכמער אָנגעפילט מיט גאַל און פערביטערונג.

—און די שיף איז אַוועק?—האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט גאַל, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען בלויז גאַוורילאָווס שולד.

—יאָ, באַרין. אַוועק,—האָט ער אַרויסגעזאָגט, אַ פאַרשעמטער, פונקט ווי ער וואָלט זיך מודה-געווען אין זיין שולד.

ער האָט זיך אָבגעקעהרט און אָבגעצויגען דעם אָטעם.

—נישקשה, גאָט איז אַ גוטער. אין קאַנטאָר האָט מען גע-

Free Public Library, Newark, N. J.

זאָגט, אַז זשאַנדאַרמען וועלען איך ווידער אַוועקפיהרען, אויף אַ טראָיקע.

איך האָב איהם דורכגעשטאָכען מיט'ן בליק. איך בין געווען זיכער, אַז ער זאָגט ליגען און קעהרט אומישנע אָב די אויגען, ווייל אין קאַנטאָר האָט ער אודאי געהערט עפּיס אַנדערש... זיינע טרייסט-ווערטער האָבען דערוועקט אין מיר עפּיס אַ טיפע פערביטערונג. „טרייסט, גוטער מענש,—האָב איך אַ טראַכט געטאָן מיט גאַל.—עך, איהר גוטע מענשען! נישטאָ עפּיס ערגערס פון אַ גוטען רוסישען מענשען... שוין־זשע איז נישט ער, נישט אָט דער גוטער רוסישער מענש שולדיג אין אַלעם? שוין־זשע ער, רחמנות־האָבענדיג, היט נישט אין די תּפיסות די אַלע, וואָס שטרעבען צו פרייהייט און אמת? נו, מילא, האָב איך געטראַכט מיט פערביסענקייט,—היט-זשע שטאַרקער איצט, גוטער מענש. נישט איך בין שולדיג, אויב דו וועסט צוליב דיין גוטסקייט אַדורכלאָזען עפּיס פון זויג. יעדער האָט דאָס זייניגע. אייער זאַך איז היטען, אונזערע—איז זיך באַפרייען. זאָל יעדער טאָן זיין זאַך, אָבער קינדער, וואָס ליידען און וויינען נאָך די עלטערן, זענען נישט ווייניגער און אפשר באַכמעהר אויף אונזער זייט, איידער אויף אייערער... אמת, אַמאָל, אַפילו גאָרנישט לאַנג, האָב איך געטראַכט, אַז מען בעדאַרף רחמנות־האָבען און שוינען דיזאָזיגע גוטע מענשען. אַזוי אָבער האָב איך דאָך שוין זעהר, זעהר לאַנג געטראַכט. איך בין שוין נישטאָ. AN האָט רחמנות־געהאַט איבער זיי, איצט אָבער וועט זיין מעשטשאַנין איוואַנאָוו...

מעגליך, אַז גאַווריל[א]וו האָט פערשטאַנען מיין שטימונג. מעגליך, אַז נישט דאָס בעוואוסטזיין, נאָר אַ געפיהל האָט זיך בעוועגט אין איהם אין דער אייגענער ריכטונג, אין וועלכער עס איז געגאַנגען מיין געדאַנק, און אַרויסנעהמענדיג דעם שליסעל פון שלאָס, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

—באַרין, איך וועל שוין נישט לאַנג דינען אין טורמע.

דידאָזיגע פראַזע האָב איך שוין צום צווייטען מאָל געהערט פון מיינע תּפיסה-היטער. דאָס ערשטע מאָל האָט זי מיך

אַפילו דערפרעהט. איצט האָט זי מיר בלויז צוגעגעבן גאַל. עס קאָן זיין, „גוטער מענש,” אַז דאָס אייגענע האָסטו אַלץ גע׳חור׳ט פאַר פאָמינ׳ען, ביז וואַנען יענער איז נישט געשטאָרבען, און די גאַנצע צייט האָסטו איהם פינקטליך פערשפאַרט און אַרויס-געזאָגט דיינע גוטע ווערטער און דיין פלאַכע טרייסט...

איך האָב גאָרנישט געענטפערט, און ער האָט שוין מעהר נישט גערעדט. מיר זענען ווידעראַמאָל געווען אויפ׳ן שמאָל הויפעלע. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין קלאָץ און זיך אַפילו אומגעקעהרט צו דער וואַנד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עס געטאָן נישט צופעליג, אַז ער שעמט זיך מיך נאָכ־צוהיטען און נאָכצוקוקען.

—גוט,—האָב איך ווידעראַמאָל געטראַכט,—דו קאָנסט זיין כלומר׳שט העפליך, ווייל דו פאַרלאָזט זיך אויף די שלעסער און אויף די הויכע ווענד. מיר וועלען זעהן.

נעבען גאַווריל׳אָוו׳ן האָט זיך שטיל געצערטעלט אַ קליין הינדטעל...

IX.

דער ערשטער בליק מייגער איז ווידער געפאַלען אויפ'ן לעצטען פענסטער. בשעת איך בין פאַרבייגעגאַנגען מיט גאַווריַ-לאָוו'ן, האָט זיך דער קאַטאָרזשניק נישט געזעהן, אָבער אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל פאַרבייגעגאַנגען אַליין, האָט ער זיך ווי-דער געוויזען און געטייטעלט מיט'ן פינגער צום ווינקעל פונ'ם פירעקעדיגען פלאַץ. באַלד דערויף האָט ער זיך באַהאַלטען הינ-טער דער וואַנד אַזוי שנעל, פונקט ווי ער וואָלט מורא-געהאַט פאַר די פאָלגען, צוריק-געהענדיג, האָב איך שאַרף אַריינגעקוקט אין דעמדאָזיגען ווינקעל און אויפגעשוידערט.

וואָס האָט דאָ געוואָלט מיין פערפיהרער אָדער מיינע פערפיהרער, מחמת איך האָב איצט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די גאַנצע קאַטאָרגע-אָבטיילונג נעמט אַנטייל אין מיין גורל? איז דאָס געווען מיטלייד אָדער בלויז נייגיר?... אמת, עפטער האָבען די קאַטאָרזשניקעס אַרויסגעוויזען צו אונז אַ חבר'ליכע בעציהונג; זיי האָבען געזעהן, אַז די תפיסה גרייט-צו פאַר אונז, „פאָליטי-שע", אַלערליי רעפּרעסיעס און שוועריגקייטען און אַז מיר זענען אויסגעשלאָסען פון יענע פערליי'כטערונגען, וואָס זענען פערבונ-דען מיט'ן צוזאַמענלעבען פון די אַרעסטאַנטען. אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך אויך געזעהן די צווייטע זייט פון דער זאַך: עס איז אַזוי לאַנגווייליג צו זיצען חדשים און יאָהרען אין דעמ-דאָזיגען הויפעל, די טעג ציהען זיך אַזוי איינטעניג און נודנע... מאַכט גראָד עמיץ פּליטה, דערהערט זיך אַ שאָס פונ'ם נאַדזירע-

טעל איפ׳ן ברעג פון דער וואַנד, אַמאָל אַ קרעכץ און אַ פאַל פון אַ מענשליכען קערפּער און אפשר, ווידער, וועט געלינגען דעם אַרעסטאַנט צו אַנטלויפען און די גאַנצע תפיסה-אַדמיניסטראַציע וועט זיך בעצאָהלען דערפאַר... דאָס איז, נאַטירליך, זעהר אַ גוטע פּראָגראַם פאַר אַ קליין שמחה׳לע אין דעמדאָזיגען נודנעם און איינגען מיליטעריש-קאַטאָרגע-הויפעל.

איך מיין, אַז איך בין לחלוטין גערעכט געווען אין בעצוג צו מיינע שכנים און, אויב איהר ווילט, צו מיינע חברים פון יענער צייט.

ווען איך וואָלט באמת אַנטלאָפען, וואָלטען זיך זיכער אַרויסגעוויזען די שפּורען פון מיטהילף מצד די קאַטאָרזשניקעס, און די גאַנצע אָבטיילונג וואָלט נאָכדעם געהאַט צו ליידען פון רעפּרעסיעס און שוועריגקייטען. און אויף אַזאַ זאַך וואָלט זיך זיכער נישט געקאָנט בעשליסען איינער, אָהן דעם הסכם פון כלל. ווי עס לאָזט זיך משער זיין, איז עס, קענטיג, געמאַכט געוואָרען דורך דעם גאַנצען קאַטאָרגע-אַרטעל, און דער קאַטאָרגע-אַרטעל האָט דאָ געווירקט אָהן שום אייגענניץ און אַפילו מיט מסירת-נפש.

און געמאַכט האָבען זיי אָט וואָס: פאַר׳ן טאָג, וואָס איך בין געזעסען אין מיין קבר׳ל, האָבען די אַרעסטאַנטען, וועלכע האָבען אַרומגעשפּאַצירט איבער׳ן הויף, אָנגעשטעקט אין די לעכער פון דער הילצערנער באַלקעס-וואַנד פונ׳ם צעכהויז—שטיקער אייזען, גראָבע שפּענער, און אין איין אָרט אַפילו האָט געשטעקט אַ צובראָכענע דלאָטע. דאָס אַלץ האָט איצט געבילדעט אַ מין לייטער כמעט ביז׳ן דאַך.

דערזעהן דעמדאָזיגען וועג צו פרייהייט אָדער צום טויט, איז מיך נישט-ווילענדיג בעפאַלען אַ שוידער...

איך בין שנעל פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט און נאָכדעם אומישנע געמאַכט קלענערע טריט, צו בעטראַכטען נאָכאַמאָל מיין לאַגע. אַן אינערליכע שטים האָט מיך געזאָגט, אַז איך האַנדעל דאָ אָהן אַ שום חשבון און נישט קלוג. שוין-זשע וועל איך דאָ פאַרבלייבען אויף לאַנג? אַזוי האָט עס מיר בלויז אויסגעוויזען

צוליב דעם פייף פון דער שיף, וואָס האָט זיך דערווייטערט און צוליב דער מרה־שחורה'דיגער נאָרע, אין וועלכער עס האָט אַזוי ווי אַרומגעשפּאַצירט דער שאָטען פון דעם אומגליקליכען סאָמינ'ען.. צוליב דעם ריזיקיר איך מיט מיין גורל, מיט דעם אָרימען גאַוו-רילאָו'ן, וואָס איז אַ טאַטע פון דריי קינדער, מיט אָט דעם תּפיסה־היטער, וואָס האַלט איצט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגן צו דעם ביקס. צולעצט, ריזיקיר איך מיט דער מנוחה פון מיין מוטער, וואָס איהר לעבען—איך האָב עס געפיהלט—ווערט איצט געשטעלט אין קאָן צוזאַמען מיט מיין לעבען...

אָבער ווי עס געשיהט עפּטער, האָבען זיך דידאָזיגע רעיונות בעוועגט ערגעץ זעהר, זעהר טיף אין מיר... איצט, בשעת איך דערמאָהן מיך אין דעמדאָזיגען עפּיזאָד, ריהרען זיי מיך זעהר און מאַכען וויינען אויף דער נשמה, אָבער דעמאָלט האָב איך זיי כמעט ווי גישט פערשטאַנען. פונקט ווי זיי וואָלטען שטיל אַרויס-געשוואומען ערגעץ פון דער נשמה־טיפעניש. אָבער אויף דער אויבערפלאַך פון בעוואוסטזיין האָבען זיי זיך בעוויזען שוין אַ סך שפּעטער.

איך, אָדער, ריכטיגער, יענער, דער צווייטער, דער מעש-טשאַנין איוואַנאָוו, האָט בעשלאָסען פאַר מיר, אַז איך זאָל פאַר-ברענגען נאָך דריי מאָל און ביים פערטען מאָל זאָל איך מיך אונבעמערקט אַרונטערכאַפּען הינטער'ן וואַגן. מיט דעמדאָזיגען געדאַנק האָב איך פריילעך אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ צום קאַטאָרזשניק און ווייטער אַוועק, אין'ם פענסטער פון דעם תּפיסה-[illegible] האָבען זיך בעוויזען די קאָנטורען פון דריי קינדערשע קעפּלעך. „דאָס וועט אפשר זיין,—האָב איך אַ טראַכט געטאָן,—נאָך אַן'אומשולדיגער קרבן. דער פאָטער וועט בלייבען אָהנע אַ שטיצע, די מוטער וועט וויינען, אַ מיידעלע וועט אפשר אויסקומען פון הונגער און צו ליידען... אָבער באַלד בין איך אויפגעכאַפּט געוואָרען. דאָס מיידעלע וועט מיך אודאי בעמערקען אויפ'ן דאַך! אונטערגעדריקט, וואָס פערשטעהט אַ קינד, און אויב עס וועט פערשטעהן, וועל איך, ביז זי וועט אַ רוף טאָן דעם פאָטער, שוין זיין אויף יענער זייט, אָדער...

פאַרבייגעגאַנגען פאַר׳ן סאָלדאַט, האָב איך אַ קוק געטאָן אויפ׳ן ווינקעל פון דאַך, וואָס איז בעהעפט מיט דער וואַנד. דאָ וועט ער מיך דייטליך זעהן, מוז מען, הייסט עס, זיין בעזונדערס געשיקט ביים לעצטען שפרונג פון דאַך אויף דער וואַנד. איבעריגענס, האָב איך מיך אַ לענגערע צייט באַשעפטיגט מיט גימנאַסטיק און האָב זעהר לייכט און געשיקט געשפרונגען...

צום דריטען מאָל צוגעגאַנגען צום צעכהויז, האָב איך מיך אַרונטערגעכאַפּט הינטער׳ן ווינקעל. גאַוורילאָוו איז, ווי פריהער, געזעסען אויפ׳ן קלאָץ, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט; דאָס הינדטעל איז נישט געווען. דער סאָלדאַט האָט אַרומגעכאַפּט מיט די הענד דעם באַגנעט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: דער דרעמלענדיגער בין-השמשות האָט איהם גענייגט צו שלאָפען אָדער צו חלומ׳ען פון זיין ווייטער היים און מעגליך אויך פון ווייב און קינד.

דער קאַטאָרזשניק האָט געקוקט אין פענסטער מיט אַנ׳אויסגעצויגענעם האַלז, ווי אַ רויבפויגעל.

איך האָב שנעל אַראָפּגעוואָרפען דעם מאַנטעל און אַ פרוב געטאָן די ערשטע טרעפּעלאַך. אַלץ איז געווען גענוג פעסט און שטאַרק. האָב איך מיך אָנגענומען פאַר דער צובראָכענער דלאָטע, נאָכדעם געשטעלט איין טריט, אַ צווייטען... איך געדענק, אַז אין דידאָזיגע עטליכע סעקונדעס איז אין מיר אָבגעשטאָרבען יעדע בעוועגונג פון דמיון. איך האָב גאָרנישט געטראַכט, זיך גאָרנישט דערמאָהנט, געווען, דאַכט זיך, פאָלקאָם רוהיג און געזעהן האָב איך בלויז די באַלקעס פון צעכהויז, די אָנגעשטעקטע טרעפּעלעך פון דעם אימפּראָוויזירטען לייטער און די שפּיצען פון וואַנד...

X.

איך ווייס נישט, וואָס מיר וואָלט בעשערט געווען אין אַ מינוט אַרום, ווען נישט עפּיס אַנ׳אונגעריכטע צופעליגקייט. איצט האָט מיר שוין אויסגעוויזען, אַז דאָרט, הינטער דער וואַנד, וואָלט איך זיכער געווען פריי. קיין אויסערליכע וואַך איז נישט געווען. די וואַנד איז אַפילו זעהר אַ הויכע, אָבער שפּרינגען קאָן איך גוט. מיינע תפיסה-היטער וועלען פריהער מוזען אַדורכלויפען דריי הויפען און פאַר דערדאָזיגער צייט קאָן איך מיך פאַרבלאָזען אין שטאָדט אַריין און קאָן אַריינגעהן צו בעקאַנטע מענשען, וואָס זייער אַדרעס האָב איך געהאַט אין זכרון. אין אַ קליידונג, וואָס קיינער אין טורמע האָט מיך דערין נישט געזעהן און מיט אַ פּאַספּאָרט אין קעשענע, האָב איך נאָר באַדאַרפט אָבשערען די לאַנגע האָר און די באָרד—און איך וואָלט גאַנץ זיכער געקאָנט געהן איבער די גאַסען פון טאָבאָלסק... דער שענער פּאָליצמייסטער וואָלט מיך אַפילו נישט דערקאָנט...

ווען אונטער מיין פוס וואָלט אָבגעקלונגען אַ שטיקעל בלעך אויפ׳ן דאַך, אָדער ווען איך וואָלט מיך אָבגעריסען פון דער וואַנד און אַראָפּגעפאַלען, דעמאָלט וואָלט מיך זיכער געטראָפען די קויל פון דער וואַך אָדער די צעווילדעטע תפיסה-היטער וואָלטען מיך דער׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט... אַזאַ צופאַל וואָלט זיכער געצוואונגען צו ריידען וועגען מיר...

דאָס אַנטלויפען פון תפיסה איז בלי שום ספק אַ פאַרברעכען. דער סאָלדאַט, וואָס דערשיסט דעם אַנטלויפער, וואָלט בלויז

„דערפילט זיין חוב" און דער פערברעכער וואָלט אַרונטערגעפאַלען אונטער דער געהעריגער שטראָף... און דידאָזיגע שטראָף וואָלט געווען אַן'אימפּראָוויזירטע טויטשטראָף...

וואָלט כאָטש דעמאָלט עמיצען איינגעפאַלען צו קאָנטראָלירען די ערשטע בעשולדיגונג און די אַלע טרעפּעלעך פון דעמדאָזיגען פאַטאַלען לייטער „פון טרויעריגע מיספערשטענדנישען", וואָס האָבען מיך, אַן'אונשולדיגען, אַ נישט-פער'משפּט'ען און אַפילו אַזאַ, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט פערשולדיגט, אַרונטערגעפירט אונטער דער קויל פון אויך אַזאַ אונשולדיגען סאָלדאַט?..

—מיר מוזען מודה-זיין,—האָט מיר נאָכדעם געזאָגט אַ ליבעראַלער הער אינ'ם דעפּאַרטאַמענט-פּאָליציי,—אַז לכתחילה זענט איהר אַרויסגעשיקט געוואָרען צוליב עפּיס אַ „טרויעריגער מיספערשטענדניש..." נו מילא, וואָס איז דאָ פאַר אַ גוואַלד: איין „מיספערשטענדניש" מעהר, איין „מיספערשטענדניש" וועניגער? מיין צו'מזיק'טען טרופּ וואָלט מען מקבר-געווען אין אַ הילצערנער טרומנע, אויף דער-גיך צונויפגעקלאַפּט דורך די תפיסה-טשעכלערס... אין פּעטערבורג וואָלט דערהאַלטען געוואָרען אַ געהעריגע מעלדונג, וואָס וואָלט צוגענייהט געוואָרען צו דעם ענין „וועגען דעם אַדמיניסטראַטיוו-פערשיקטען א." מעגליך, אַז דעמאָלט וואָלט זיין עקסעלענץ אפשר געהאַלטען פאַר נישט-איבעריג אַדורכצובלעטערן דעם ענין. און מעגליך, אַז דאָ וואָלט זיך ערשט אַרויסגעוויזען, אַז די אַלע פריהערדיגע חשדים בנוגע מיר האָבען שוין לאַנג פון זיך אַליין פערלאָרען זייער זין...

זיין עקסעלענץ וואָלט, לפּחות, אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ וועגען דעם, וואָס דער פערשיקטער יונגערמאַן איז אומזיסט-אומנישט אומגעקומען, „צוליב אַ מיספערשטענדניש" און ער וואָלט אַ טראַכט געטאָן, אַז די אַלע טורמעס און פערשיקונגען און, צולעצט, דער טויט דורך אַ קויל זענען דאָך אַ צו-האַרבע שטראָף דערפאַר, וואָס מען האָט עפּיס אַרויסגעלייענט אינ'ם האַרץ פון אַ יונגען סטודענט און דערצו נאָך שלעכט אַרויסגעלייענט דורך אַן'עם-האָרץ אַ שפּיאָן?..

XI.

צום גליק האָט מיך דאָס קליינע הינדטעלע מציל-געווען פון די לעצטע אויספיהרונגען. דאָס איז געווען אַ קליין שוואַרץ הינטהינדטעל, נאָך גאָר אַ יונגס, וואָס גאַווריילאָוו האָט עס על-פי־רוב געבראַכט מיט זיך און עס געצערטעלט. איוואַנאָוו פלעגט עס טרייבען פון זיך, און דעריבער פלעגט עס זיך גאָר ווייזען אין יענע טעג, ווען גאַווריילאָוו האָט געהאַלטען וואַך אויפ'ן הוי-פעל פון דער קאַטאָרגע-אָבטיילונג.

איצט, בעקומען פון גאַווריילאָוו'ן אַ פּאָרציע ברויט און לאַסקעס, האָט דאָס הינדטעל צופרידען זיך איינגעקנוידערט אויף דער קופּע מיסט, אין ווינקעל, הינטער'ן צעכהויז און זיך רוהיג געדרעמעלט. איך געדענק, ווי דאָס הינדטעל האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, בשעת איך האָב מיך פערקריכען הינטער'ן ווינקעל, אַזוי פון דער זייט אַ קוק געטאָן מיט קלוגע שוואַרצע אויגען, אָבער בעטרעכטשה מיט קיין זאַך נישט אַרויסגעוויזען, אַז עס האָט עפּיס אַ חשד אויף מיר. צוזער דאָס תפיסה-ברויט מאַכט, ווייזט-אויס, אויך די חיות פאַר׳ תפיסה-היטער. ווי גאָר איך האָב מיך איינגעגראָבען אויף מיין לופט-לעכער און געבליבען הענ-גען אויפ'ן ווייטען קאָרער זייט'ן הויכען טרעפּעל, האָט דער הונגער, קעלטע, משונה-דיגע, ווי דאָס איז שוין אויסגעל פון מיין זייט, האָט ער זיך הילוגערונג, מיט צו קוויטשיגער בילערייע זיך אַ ריס געטאָן צו דער וואַנד, געהערט אַ שפּרונג געטאָן, מיך אָנ-געכאַפּט פאַר'ן קורצען פעלצעל און מיט דער גאַנצער משא

געבליבען הענגען אויף איהם.

אַלץ איז שוין, נאַטירליך, געווען געענדיגט. איך האָב דערהערט גאַווריל‌אָווס געשריי און זיינע טריט. דאָס, וואָס איך האָב מיך פערקערעוועט הינטערן ווינקעל, האָט זיך דער גוטער מענש אויסגעטייטשט גאַנץ פשוט, און פאַר מיר איז געווען ווי געוואונשען, ער זאָל בלייבען וואָס לענגער אין דערדאָזיגער אי-בערצייגונג.

לייכט בין איך אַראָבגעשפּרונגען אויף דער ערד, אָבגעלאָ-פען אַ דריי טריט פון דער וואַנד און שנעל אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דעם מאַנטעל. אַראָבשפּרינגענדיג, האָב איך בעמערקט אין פענסטער דעם קאַטאָרזשניק, וואָס האָט אודאי געוואָלט, אַז מיר זאָל געלינגען. ער האָט מיט גרויס ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און זיך תיכף ומיד פערבאָרגען הינטער דער וואַנד...

איך ווייס נישט, צי גאַווריל‌אָוו האָט פערשטאַנען די אמת׳ע סיבה פון דעמדאָזיגען עפּיזאָד. איך בין אַרויס פון ווינקעל, בכדי ער זאָל נישט זעהן דעם לייטער, וואָס די אַרעסטאַנטען האָבען געמאַכט, און, געהענדיג, אָנגעטאָן דעם מאַנטעל. דער סאָלדאַט האָט זיך אומגעקוקט מיט אַלע חושים און אונרוהיג. גאַווריל‌אָוו האָט אַפילו געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן דעם הונד מיט׳ן פוס, אָבער יענער איז אָפּגעשפּרונגען אַזוי קלוג און מיט אַזאַ מינע, אַז ער איז גערעכט, אַז גאַווריל‌אָוו איז איהם נישט נאָכ-געגאַנגען צו דער קופּע מיסט און האָט בלויז עטליכע מאָל אַ פיר געטאָן מיט די אויגען דאָ אויפ׳ן הונד, דאָ אויף מיר...

—אין קאַמער געהט, שוין צייט,—האָט ער זיך אָנגערופען מיט עפּיס אַ בעזונדער מינע אויפ׳ן פנים.

XII.

קענטיג, אונבעמערקט פאר דער תפיסה-אדמיניסטראציע האבען די ארעסטאנטען אינדערפריה פונאנדערגענומען דאס לייטערל. איך האב, לפחות, נישט געהערט, אז די קאטארגע-אבטיילונג זאל זיך האבען בעצאהלט פאר דעמדאזיגען עפיזאד.

און אינגיכען האט זיך געעפענט מיין טיר אקוראט אין דעם מאמענט, ווען מען האט מיך בעדארפט ארויסלאזען אויפ'ן שפאציר, אבער אנשטאט צו שפאצירען האט גאווריל‏או געהייסען, איך זאל איינפאקען מיינע זאכען.

—גאט צו דאנקען, אויף דער פרייהייט געהט איהר!—האט ער א זאג געטאן מיט אויפריכטיגער שמחה.

דידאזיגע פרייהייט האב איך דערזעהן אין דער געשטאלט פון צוויי בראווע זשאנדארמען, וואס האבען מיך אפגעווארט אין קאנטאר. איבערגענומען מיך פון דער תפיסה, זענען זיי נישט זעהר שטרענג געווען ביי דער רעוויזיע פון מיינע זאכען...

אין דער לעצטער מינוט איז געקומען צולויפען דער שענער פאליצמייסטער... ער האט זיך ווידער זעהר ווארים צוזעגענט מיט מיר און בעת-מעשה שעלמיש צוגעגראזיעט מיט'ן פינגער.

—זאגט, איך בעט אייך,—האב איך מיך געווענדט צו איהם און צום תפיסה-שעף,—אויף וואס פאר א יסוד האט איהר מיך געהאלטען אין דער מיליטערישער קאטארגע-אבטיילונג.

דאס פערשטיינערטע געזיכט פונ'ם תפיסה-שעף איז פער-

בליבען אונבעוועגליך, אָבער דער פּאָליצמייסטער האָט זיך שטאַרק צולאַכט, פערוואַרפענדיג אַ הינטער דעם קאָפּ אין אַ הויכער קוטשמע.

—נו, וואָס איז?—האָט ער געפרעגט.—איהר האַלט, אַז דער פלאַץ אונטער'ן פענסטער איז צו-קליין?

—וואָס רעדט איהר, דאָס פענסטער איז דאָך אַפילו פער-שטעלט מיט ברעטער...

—עס איז גלייכער אַזוי, הער ק., ווענינגער דאָ וואָס צו זעהן. מיר האָבען נישט ליב, אַז מען שרייבט וועגען אונז,— האָט ער צוגעגעבען מיט אַ פיל-באַדייטענדיגען שמייכעלע און געדריקט מיר די האַנד.

איך האָב מיך אויך, נישט-ווילענדיג, צולאַכט און אָבגע-אָטעמט מיט אַ פולער ברוסט, בשעת הינטער מיר האָבען זיך פערהאַקט די שלעסער פון דעם שווערען טויער. ביים טויער איז שוין געשטאַנען אַ טראָיקע פון ריהרעוודיגע סיבירישע פערד. איין זשאַנדאַרם האָט זיך איינגעאָרדענט אויפ'ן געזעס, דער צווייטער האָט, לויט'ן מנהג, אָבגעוואַרט, ביז איך האָב מיך אַריינ-געזעצט אינמיטען. די ווייכע, עטוואָס קיהלע אויגוסט-נאַכט, האָט אונז באַלד איינגעשלאָסען אין אירע אָרעמס.

שנעל האָבען מיר זיך געטראָגען, און אָהן הפסקות. איך האָב נישט געשלאָפען און געשעפּט נחת פון דער סטעפּ, און פונ'ם טונקעלען וואַלד, און פונ'ם נעבעל, וואָס איז געהאָנגען איבער עפּיס אַ טייכעל און פון אַ פּאַראָם-איבערפעקלונג מיט פערשלאָפענע געשטאַלטען פון פאראם-פויערים, וואָס האָבען זיך קוים אַרויסגעזעהן אינדערפינסטער, און פונ'ם שטילען קלינגען פון אַ גלעקעלע, וואָס האָט זיס געציטערט איבער אַ שלעפעדיג טייכעל און אָבגעשטאָרבען ערגעץ אינ'ם וואַלד פון דעם קע-גענאיבערדיגען ברעג.

און דאָס אַלץ—די נאַכט און די האָריזאָנטען און די בערג און די שטערען און די נעבלען האָבען מיר אויסגעזעהן פול רייץ און פּראַכט... איך האָב מיך געפיהלט, ווי נייגעבוירען, און, באמת, איך בין ווידער איך, הגם איך טראָג נאָך אויף זיך דאָס

פעלצעל פונ׳ם מעשטשאנין איוואן איוואנאוו.

דער מעשטשאנין איוואן איוואנאוו איז רוהיג געלעגען ביי מיר אויפ׳ן רוקען, אין דערזעלבער קעשענע.

אויסערדעם, האבען מיר די זשאנדארמען „פערטרויט״, אז מיין פארגעגנגער פאמין לעבט און מען האט איהם אריבערגעפיהרט קיין קאריסק. דאס איז שוין אפילו אנ׳עכטע קאטארגע, דאך אבער נישט דער טויט אין אנ׳איינצעל-נארע...

איך האב מיך אויך געטראגען אין א ווייטען פערשיקונגס-פונקט, אבער א וואונדערליכע זאך!... איך בין געווען פול לעבען און האפנונג, וואס זענען אויך אזוי נישט קלאר געווען, ווי דידאזיגע האריזאנטען, וועלכע האבען אויפגעפלאמט אין די בעגילדעטע נעבלען פון דער לבנה-נאכט...